# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9 (העפט 128) עלפטער יארגאנג סעפטעמבער 1950 לאנדאן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאלט:


צום נייעם יאר ת.ש.י.א. (מענה לשון שטיקלעך פון גרויסע סך הכלן)..*** 1
אבראשא (אַ תל־אביבער טיפּ)..........................יוסף נוימאַן 4
איך האָב פיינט די בייזע שווערד, און זאָג צו די זיכערע, נישט דער איז
דער העלד (סאָנעטן)..........................י. ה. לעווי 7
היימיש. צו קראָטנא פּארק (לידער)..........................דוד אפּלאַוו 9
די שיינע שבעה (ראָמאַן)..........................לעאַ קעניג 10
זייפן־בלאָזן (ליד)..........................בת שבע מאסטבוים 18
בת שבע..........................יואל מאסטבוים 18
נישט געהאַלטן וואָרט (דערציילונג)..........................י. ביעטש 19
מיין מאַמעס שנירעלעך פּערל (לידער)..........................א. נ. שטענצל 29
משה עובד — 65 יאָר אַלט..........................אפרים טויבענהויז 39
דיינע וויזיאָנען, דיינע אידעלשטיינער (ליד)..........................שמואל וואַהיט 44
משה עובד (סקולפּטור)..........................יעקב עפּשטיין 45
משה עובד'ס כאַראַקטער־בילד אין ווערטער (ליד)..........................י. ל. פּיין 45
משה עובד'ס „וויזיאָנען און אידעלשטיינער" (עסיי)..........................ש. י. דאַרפזאָן 46
דער וואָרט קאָנצערט פון „פרייַנט פון יידיש לשון"..........................ש. 49
וועטעראַנען (ליד)..........................ל. האַכשטיין 50
מיר די בעלי־תשובה פון פרעמדע זינד (אַ דרשה אַזאַ
לימים־הנוראים)..........................א. מ. קיזער 51
אַ קאַפּיטאַן פון די מאַרינס איז געווען דער בעל־תפילה פון ימים נוראים
אין ירושלים..........................ש. ערנסט 54
יידישע מעשהלעך פון יום כפור..........................מאיר טויבענהויז 56
אַ ראש השנה מעשהלע פון אַ תימנער אַלטן מחזיר..........................משה לוי נחום 56
קיינער טוט דאָס נישט (פאָלקלאָר)..........................יחזקאל נח ערלעכמאַן 57
„אין יענע טעג" (רעצענזיע)..........................א. פאָלושאַק 59
ביים פרישן קבר (צום טויט פון לעאַ פינקעלשטיין)..........................דר. יעקב י. מייטליס 60
אַן ענטפער צו מלך ראַוויטש אויף אַ פּריוואַטן בריוו..........................י. א. ליסקי 62
יידיש טעאַטער אין לאָנדאָן (נאָטיצן).......................... 64
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס.......................... 64


**פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**

אַבאָנענטס־פרייז: —19/6 פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר אַ יאָר

1/9 פאַר אַ פּראָבע נומער


*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

## CAMEO CORNER

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

| | |
|---|---|
| *January* | *Renaissance Jewellery.* |
| *February* | *Boxes.* |
| *March* | *Sculpture by Mosheh Oved.* |
| *April* | *Curios.* |
| *May* | *Stuart Jewellery.* |
| *June* | *Children's Jewellery.* |
| *July* | *Cameos and Intaglios.* |
| *August* | *Georgian and Victorian Jewellery.* |
| *September* | *Antique Jewish Ornaments.* |
| *October* | *Oriental Jewellery.* |
| *November* | *Precious and semi-precious Stones.* |
| *December* | *Devotional Jewels and Christmas Presents.* |

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*

*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*

**די רעדאקציע פון „לשון און לעבן"** ווינטשן זייערע מיטאַרבעטער און לייענער און אַלע ייִדן וווּ זיי זענען, אַ כתיבה וחתימה טובה. — א. נ. שטענצל

**פריינט פון „יידיש לשון"** ווינטשן אַלע זייערע מיטגלידער, דעם עולם פון די ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס און אַלע ייִדן דאָ, אין ארץ ישראל און אין חוץ לארץ אַ כתיבה וחתימה טובה.

**משה עובד**, פּרעזידענט פון „פריינט פון יידיש־לשון", ווינטשט קרובים און פריינט, קאָלעגן שרייבער, דעם עולם פון די יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכ־מיטאָגס און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

## לשנה טובה תכתבו ותחתמו

צום גאַנצן פאָלק ישראל בכל מקום שהם, ומדינת ישראל. אַ גוט יאָר מיט כל טוב, צדק, משפט, ושלום על יסודות הנביאים, שנת „ירושלים חזק" — תשי"א. שנת „ולא ישא גוי החרב ומלחמה" — תשי"א.

הרב יהושע שפעטמאַן

**יהודה ביעטש**, פרוי און טאָכטער ווינטשן זייער משפחה, קרובים, פריינט, בכל מקום שהם, די פריינט פון „יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ שנת חיים ושלום.

**נחמן רובין** און פאַמיליע ווינטשן משפחה און פריינט און אַלע יידישע ישובים אין דער גאַנצער וועלט, אַ שנת חיים ושלום.

**דאָראַ דימאַנט** ווינטשט אַ האַרציקן לשנה טובה איר ברודער אין ישראל דוד דימאַנט, משפחה, פריינט און באַקאַנטע אַ כתיבה וחתימה טובה.

**מנשה ווייסגראַז**, פרוי און פאַמיליע, ווינטשן זייער משפחה, גוטע פריינט און באַקאַנטע אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

**אברהם שפּיגעלמאַן** און פרוי ווינטשן זייערע קינדער דאָ אין לאַנד און זון מיט זייער פאַמיליע אין אַמעריקע, משפחה בכל מקום שהם פריינט און באַקאַנטע אַ שנת חיים ושלום.

**צבי ארנשטיין** ווינשט זיין שוועסטער שרה מייעראַוויטש און אַלע זיינע פריינט אין ישראל און אין חוץ לארץ אַ כתיבה וחתימה טובה.

**א כתיבה וחתימה טובה** אַלע אונזערע קרובים און פריינט.
נחום שטענצל און פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 9 (העפט 128) עלפטער יאָרגאַנג סעפּטעמבער 1950 לאָנדאָן

## צום נייעם יאָר ת.ש.י.א

(מענה לשון שטיקלעך פון גרויסע סך־הכּל)

### א. „מי במים ומי באש"

עס איז דאָך אַצינד דער חודש אלול און די ימים־נוראים גייען און קומען און יעדער ייִד מוז זיין כאָטש אַביסל ערלעך; וועל איך מיך מודה ומתודה זיין, אַז דער גאַנצער ענין פון די אַטאָמישע באָמבעס, און ליותר תוקף ועוז, די הידראָגען־באָמבעס, באַרירן מיך גאָרנישט. און די אַלע אַסטראָנאָמישע ציפערן, — צי מען קען מיט די כּלי־משחית אויסהרגענען 400.000.000 מענשן, צי טאָקע די גאַנצע 600.000.000, אַ דריטל פון אונזער פּלאַנעט פאַרוויסטן און אַפּווישן די גאַנצע מענטשלעכע קולטור, — גייען מיך לגמרי נישט אָן, זיי מאַכן אויף מיר קיין פּיצעלע איינדרוק נישט!

און די קאַלטקייט מיינע, ווייל איך באַמערקן, איז נישט, ווייל מיין האַרץ איז אַזוי האַרט און פאַרשטיינערט. — וואָרים עס איז דאָך נישט אויסגעשלאָסן, אַז צווישן די 600.000.000 זאָל איך, הקטן, אויך מיך געפינען, — נאָר אויב דער גאַנצער ענין באַרירט מיך נישט איז עס מחמת אַ פּראָסט פּשוטן טעם. אויב די מענטשן, ד.ה. מיר, זיינען באמת פּעאיק אויף אַזעלכע אַסטראָנאָמיש־אויסגערעכענטע ווילדע רציחות, אויף אַזאַ וויסטן וואַנדאַליזם; אויב דער מין האנושי איז טאָקע אַזאַ ווילדע חיה בצורת מענטש, דעמאָלט איז טאַקע שוין קיין גאָר גרויסער חלוק נישט, צי אויף אונזער פּלאַנעט געפינען זיך אַ פיר הונדערט מיליאָנען ברואים מער פון דעם טייערן מין, אָדער גאָר אַן אַכט הונדערט מיל־יאָנען ווייניקער. אויב די מענטשהייט סך־הכּל, איז אַזאַ מיליאָנען קעפּיקע הידרע איז פונקט צוגעמאָסטן פאַר איר אַזאַ פאַלנדיקע הידראָגען־באָמבע.

„ויעשו כולם אגודה אחת"! מתפלל צו זיין פאַר אָט די קריכנדיקע צע־קראַכענע ראַיענדיקע ברואים, וואָס זיינען פּעאיק אויף אַזוינס, פאַר אָט דער באָוול־קולטור וואָס שאַפט אַזוינס, פאַר מדינות וואָס גרייטן זיך צו צו אַזוינס, איז דאָס נישט קיין תפילת שוא?

וואָס מען קאָן יאָ בעטן און אין זינען האָבן בשעתן זאָגן די ונתנה־תוקפדיקע ווערטער „ומי במים ומי באש", זיינען עס יענע פּראָסטע יידישע מענה־לשון־רייד: „אוי, גאָטעניו האַרצעדיקער, זאָלן שוין אונזערע מענטשלע־כע הערצער פאַדדרייט ווערן צום גוטן, אוי, טאַטעניו געטרייער" — — —

### ב. ארץ ישראל און תפוצות ישראל

אויב די שטימונגען פאַרן אויפבוי פון דער יידישער מדינה זיינען אין די לעצטע חדשים נישט אויף זייער געהעריקן הויך, דער בלוט־דרוק איז אַביסל

געפאלן, דער גראד אַ פונקט נידעריקער — אונטער טעמפּעראַטור! האָבן נאָך נישט די באַגייסטערער און די מאַסע באַגייסטערטע דאָס רעכט זייערע שטאָלץ־געהויבענע פּאַטריאָטישע קעפּ אַראָפּצולאָזן, פּונקט ווי ס׳איז נאָך נישט קיין רעכטער און גענוגנדיקער באַווייז פאר דער קליינער געגנער קליקע, אז זיי האָבן שוין דאָס רעכט זייערע הוילע קעפּ אויפצוהויבן און דאָס גאַנצע וואַסער אויסצושווינצן: זעט, מיר האָבן אייך אָבער באַלד געזאָגט, הוילע פאַנטאַזיעס, נאַרישע חלומות...

דער יידישער צוגאַנג, „שמחה לארצך וששון לעירך" צו ארץ ישראל איז אזא: אויב „רוים ווערט נישט אויפגעבויט אין איין טאָג", ערשט ווי לאַנג מוז עס נעמען אויפצובויען די שטאָט ירושלים, דאָס הארץ פון אַ פאָלק! דאָס הארץ פון דער וועלט!! אין כסדרדיקן אָפּפלוס און צופלוס פון אונזער בלוט ווערט ירושלים אויפגעבויט; אין כסדרדיקן העמערן פון אונזערע הערצער — ארץ ישראל!

ארץ ישראל ווערט אויפגעבויט פונם לעבן פון יידישן פאָלק און באַלעבט דאָס לעבן פון יידישן פאָלק: עס איז דאָס הארץ, וואָס נעמט אויף דאָס מידע מאַנאָטאָנע בלוט פון די אַרטעריעס, צעשפּרייטע איבערן גוף און גערייניקט קומט עס ווידער צוריק אין די פאַרצווייגטע אָדערן מיט פרישע ענערגיעס.

און דערפאַר איז דער פּראָצעס אזא: בשעת מיר זיינען אין גרויס געפאַר, אויף משקולת צווישן טויט און לעבן, בשעת מ׳שניידט פון אונזער לייב לעבעדיקע שטיקער, זיינען מיר פול מיט ארץ ישראל, מיט ירושלים. איינס ווילן מיר אין דעם מאָמענט זיין טויט־זיכער: דאָס הארץ קלאַפּט נאָך! און אויב דאָס הארץ קלאַפּט נאָר, איז ווי צעקריפּלט און ווי צעשטימלט דער לייב זאָל נישט ווערן, אָבער לעבעדיק וועט ער בלייבן! וואָרים אויב דאָס הארץ זאָל זיך, חלילה, אָפּשטעלן פונם ווייטאָק פון די יסורים איז אויס מיט אונזער גאַנצן לעבן. דערפאַר איז דעמאָלט דער גאַנצער געדאַנק: דאָס הארץ!

איז אָבער די אָפּעראַציע געלונגען, — געטאָן וואָס מ׳האָט געטאָן! — און דאָס הארץ קלאַפּט, נעמט מען זיך אויפוועקן דעם איינגעשלאָפענעם קערפּער, פאַרבינדן דאָס געבליבענע פון די פאַרשניטענע אברים. און ווי פאַרשטימלט און ווי פאַרקריפּלט די גלידער זאָלן נישט זיין, איז מען זיך רק מתעסק מיט זיי, זיי צו דערהאַלטן, זיי צו מאַכן אַרבעטס־פעאיק וואָרים אַצינד איז דאָס לעבן פונם הארץ, זיין כסדרדיק קלאַפּן דווקא אָפּהענגיק פון די בלוטשטראָמען פון קומען פון זיי — — —

יז נאָך נויטיק אויסצופירן דעם מוסר השכלדיקן נמשל?

## ג. די יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד

וואָס נוגע די גרויסע וועלט פּאָליטיק, איז נישט אונזער אַמביציע זיך אַריינצומישן דערין... און די אויסערן פּאָליטיק, וואָס ישראל פירט, טראַכטן מיר, אַז מאַרשאַל סטאַלין איז אויף אַזויפיל אַ פּראַקטישען און קלוגער בר־דעת, אַז ער וועט פאַרשטיין: אויב דאָס סאָוויעטישע יידנטום לאָזט מען נישט



קיין גרויסן טייל נעמען אינם אויפבוי פון ישראל, איז די ישראל־פּאָליטיק ממילא געצוואונגען זיך מער איבערצוווינקן מיט יענע מלוכות, וואָס לאָזן זייערע יידישע בירגער זיך יאָ באַטייליקן מיט איר אויפבוי... דאָס מוז אַ פּראַקטישער מלוכה־מאַן פאַרשטיין, און בעיקר אַ גוי, וואָס האָט נישט אין זיך קיין שמץ פון אַנטיסעמיטיזם.

און דאָס וואָס מ׳האָט אַ סוף געמאַכט מיט די יידישע קולטור אין סאָוויעט רוסלאַנד, איז אויב ס׳געהער צו דער מלוכה פּאָליטיק פון סאָוויעט רוסלאַנד, איז עס משמעות יענע פּאָליטיק פון די צוויי קאָזאַקן: „מיינע יידן, דיינע יידן". העברעאיש איז פאַרווערט, ווייל ס׳איז ציוניזם, און יידיש — ווייל מיר האָבן דאָך שוין אַ יידישע מלוכה און איר מדינה־שפּראַך איז העברעאיש...

אָבער לייענענדיק דעם אינטערוויו פון עליע ערנבורג, מיט וואָסער טאָן ער האָט גערעדט איבער די יידישע שרייבער אין סאָוויעט רוסלאַנד, האָב איך איינגעזען אז אַסימילאַציע, ווו זי זאָל נישט זיין, איז ווערעמדיק און קריכעריש. מיט אַזאַ ציניש ווייל־חכמהדיקייט צו ריידן איבער קינסטלער, צו וועמענס קאָפּל מען דערגרייכט אפשר נישט, דאָס איז שוין מענטשלעכע נידריקייט. אַזוי רעדט נישט אַ פּאַרטיי־מיטלויפער, נאָר אַן אַנטלויפער פון מקור פון זיין פאָלק! עס איז אפנים „סדנא דארעה הד הוא": אַ יידיש־אַסימילירטער שרייבער פון אייראָפּע, אָדער פון אַמעריקע וועט אפשר זיך אויך אַזוי דרייען אויפן הינטערשטן קאָפּל, פון רעכטן, אָדער פון לינקן פוס, ווען ער וועט ריידן פון די יידישע קאָלעגן פון זיין לאַנד, און אַזוי זיך דרייענדיק אויף די אָפּצאָסן פון זיינע געפּאָסטע שטיוועלעך, זיי לעבעדיקערהייט צעטרעטן, אָדער טויטערהייט זיי פאַרשאַרן מיט דעם שטויב וואָס ער הויבט אויף אַרום זיך...

## ד. די העפטלעך לשון און לעבן 1940־1950

זי שפּיצט זיך צו די וועלט, — מיט אירע פאַרנעפּלטע הימל־קראַצערס און אונטער איזערנע אין ניילאָן־פאַרהאַנגען, — מיט אירע מיט אירע צווילינג בבל־טורעמס, איינע די אַנדערע צו צעשטערן; אַזוי, אַז נאָך דער „פּליטה", וועלן, ווי אויף להכות, פון דער גאַנצער ציוויליזאַציע נאָר איבערבלייבן, מיר, די צוויי שפּראַכיקע פּליטים... אַזוי זעט זי עפּעס שוין באַלד אויס אין פּלוג, אויף אונזער נעבעכדיקן און אויף מיליאָנען מענה־לשון־הילכערס צעדריילטע וועלט. —

די געוואַלטיקע ליניאָטיפּ־מאַשינען, —וואָס וואַרפן איצט אַרויס אין די הונדערטער מיליאָנען עקסעמפּלאַרן מיט די שרייענדיקע, הידראַ־סיקנדיקע פּראָפּאַגאַנדע קעפּלעך! —פון איין וואַסער־טראָפּ, פון אויפגעריסענע אַטאָמען וועלן זיי דאָך צעשטערט זיין. (און ווען ס׳וועלן שוין ווו איבערבלייבן אַזעלכע פּראָפּאַגאַנדע כלי־משחתים וועט מען דאָך קוקן אויף זיי מיט גועל נפש...) אָבער אַן אויסגעאַרבעט שעפּסן־פעלכל וועט דאָך נאָך זיין אומעטום און אַ געזונטע פעדער אויך, אויפצושרייבן אויפסניי דעם „לא תרצח"... און ווי וועט מען ערשט דאָס וואָרט דעמאָלט פאַרשטיין, פּראָסט און פּשוט אָן די אַלע ע.ב. פּרושים פון לינקס און פון רעכטס.

און דעמלט, אַז די גאַנצע ציוויליזאַציע, כביכול, וועט האָבן אַזאַ פּנים, וואָס פאַר אַ פּנים, מישטיינס געזאָגט, וועלן שוין האָבן די אַלע צעקראַכענע אסימילאַציע קריכערס פון לינקס און פון רעכטס, און אַפילו די „היברו עדיקיישאָנס און די אַלע היברו־אַפּילס און היברו־פאָנדס אנקייגן דעם „שטאַרבנדיקן" יידיש, וואָס האָט דאָך אַ שאַנס לעבן צו בלייבן אפילו נאָכן צעשטערן פון דריי־דריטל וועלט, ווייל יידיש ווערט דאָך נאָך גערעדט און אויף יידיש דאָך נאָך געשאַפן אין אַלע פינף טיילן פון דער וועלט.

אָ, אז נאָך די אַלע „מי לחיים ומי למות"־סעלעקציעס פון גאַז־אויוונס און קרעמאַטאָריומס, און איצט אין „כבקרת"־צייכן שוין פון אַטאָם און היי־דראָגען באָמבע, און מיר שטייען נאָך אַלץ ווו וועלט נאָר האָט אַן עק שעפערישׁ אינטענסיוו, — און אפילו דאָ אין אונזער פאַרקומענעם וויטשעפּל גייען מיר נאָך אָן מיט אונזער לשון און לעבן! — איז עס נישט קיין סימפּטאָם פון אונזער אויסדערוויילטקייט?

אז אַך און אַז וויי, אַז מען האַלט שוין ביי אַזאַ שפּאַגל־נייעם פּירוש פונם „אתה בחרתנו"־גלויבן. אָ, עס איז שוין אַ סך בעסער געווען דאָס אַלט פרענקישע מענה לשונדיקע און גלויביקע „תכלה שנה וקללותיה ותחל שנה וברכותיה".

---

## יוסף ניומאַן (תל אביב)

# אבראשא

### (אַ תל אביבער טיפּ)

אַ קרימטשאַק, אַ בן־בנו פון אַ קרימטשאַק, אַ הויכער, ברייט־ביינִיקער, בלאָנד־וואָנסיקער, אַ פּאַניע מיט אַלע ביינער. ער איז זינט יאָרן אין לאַנד; נישט פאַראַן אַ כביש אין דעם פּאַרוואָרפנסטן ווינקל אפילו פון לאַנד, ווי אַבראַשאַ זאָל נישט האָבן געקלאַפּט שטיינער, געלייגט סאָלינג, געשמירט אויפן כביש סמאָלע. נישט פאַראַן אַ ווינקל אין לאַנד, ווו ער זאָל נישט האָבן צוגעלייגט אַ האַנט אויף צו באַלעבן עס.

אַ גוטער ברודער מיט יעדן איינעם ביז גאָט, מיט יעדן אויף „דו", איז ער אויסגעקאָכט מיט אַלע אַרבעטער פּירער פון עלטערן דור, מיט וועלכע ער האָט זיך צענויפגעטראָפן אויף אַלע כביש־אַרבעטן אין מעשה־בראשית־טעג פון ווידעראויפבוי אין לאַנד. ער האָט ליב אַרויפלייגן אַ האַנט אויף גוטן ברודערס אַקסל: דעם חברישן זשעסט שפּירט מען בפועל ממש: זיינס אַ הענטל — אַז זי גיט זיך דאָס אַ לייג אַרויף אויף אַן אַקסל — איז יענעם נישט מקנא צו זיין.

נישט געקוקט, וואָס ער איז לאַנגע יאָרן אין לאַנד — קומט אָבער צו אַ העברעאיש וואָרט, נעמט זיך אַבראַשאַ אָן מיט כח און גיט אַ זאָג אַרויס אַ פיר־פינף ווערטער — איז הימל עפן זיך, ווי אַ לאַווינע שטיינער, וואָלט זיך געגעבן אַ לאָז אַראָפּ פון אַ הויכן באַרג: ס'האַקט און ס'רייסט שטיקער, ס'דונערט און ס'בליצט, אָבער אַ וואָרט נישט צו פאַרשטיין. אבראשא וועט



שוין ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר קיין צען פּשוטע העברעאישע ווערטער, זיך נישט אויסלערנען.

זינגען און שפּילן אויף דער גאַרמאָשקע — דאָס איז זיין איינציק פאַרגעניגן אין לעבן, שפּילט ער טאַקע און זינגט אויס אַלע לידער, וועלכע ווערן געשפּילט און געזונגען אין גאַנצן לאַנד. פאַראַן אָבער אַ צרה — די צרה איז: יעדעס לידל אָדער מעלאָדיע, וואָס אבראשא נעמט אין מויל אריין — קומט אַרויס ביי אים: „וואָלגאַ, וואָלגאַ".

אַלע זיינע יאָרן אַרבעט ער ביי כבישים אָדער ביי בנין. כ'ווייס נישט, צי תל אביב האָט ווען עס איז געהאַט אָדער וועט האָבן אַזאַ פּועל בנין, ווי אבראשא איז עד היום. ער האָט שוין געהאַט צענדליקער מעגלעכקייטן איבערצוגיין צו אַנדערע, לייכטערע אַרבעטן. און אויב שוין בלייבן ביי בנין אַרבעט, איז כאָטש ספּעציאַליזירן זיך, ווערן אַ מויערער, אַ טיח, אייזן־בייגער א.א.וו. ער וויל אָבער פון דעם אַלעם נישט הערן אַפילו. אַ שוואַרצער בוי־אַרבעטער וויל ער בלייבן. ער זוכט נישט קיין גליקן. כל זמן כוחות און צוויי געזונטע הענט זענען פאַראַן, לאַכט ער פון דער וועלט, און וואָס ווייטער וועט זיין, איז — פּאַסמאַטרים.

אבראשא האָט אַ „בענקעלע" אויף שלעפּן ציגל געבויט לויט זיין אייגענער קאָנסטרוקציע. דאָס טראָג־ברעטל איז אַ שטיק צייט געווען אַ שם־דבר אויף תל אביבער בנינים. בעת דער בעסטער שוואַרצער בנין־אַרבעטער, אַז ער לייגט אַרויף אויף זיין „בענקעלע" פינף־און־צוואַנציק ציגל איז ער אַ „דזשעדאַ" (אַ גאַנצער העלד), און צעטראָגט זיין גבורה'שאַפט איבער דער גאַנצער שטאָט, לאַדעוועט ער אָן אויף זיין טראָג־ברעטל פערציק ציגל, און אָט מיט דער פאַרציע ציגל אויף דער פּלייצע גיט אבראשא אַ שפּאַציר־אַרויף אויפן פערטן שטאָק ווי קיינמאָל גאָרנישט — אָן אַ מענטליק, שאַ, שטיל, אָפּגעלייגט די ציגל מיט אַ סדר, איז — „יעשטשאַ ראַז" און „יעשטשאַ ראַז", אַזוי אַ גאַנצן טאָג ווי אַ מאַשין, אַרויף און אַראָפּ, ס'קלאַפּט, אַ מחיה צו קוקן.

נאָך אַזאַ טעגלעך אַרבעט פילט ער זיך פריש לעבעדיק און געזונט אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

אויף שלעפּן טרעפּ איז ער קאָנקורענצלאָז, נישטאָ זיינס גלייכן, די סאָלאָניקער פּראָפעסיאָנעלע טרעפּ־שלעפּער גרייכן אים ביי די קנאָפּל אין דעם פאַל. אַזאַ טרעפּל וועגט בסך הכל אַ הונדערט קילאָ נעטאָ. אַ „מאַרש" טרעפּלעך (פערצן טרעפּ — אַ מאַרש) אַרויפשלעפּן אויף וועלכן שטאָק עס זאָל נישט זיין — שפּילט ביי אבראשאן אַ ראָל ווי ביי אַ גוטן יידן אַריינכאַפּן אַ שמונה־עשרה. אַנדערע אַז זיי נעמען זיך צו שלעפּן טרעפּ, ווערט אַ גאַנצע סעמאַטאָכע. ראשית כל קלערט מען אַ גאַנצע שעה, ווי אַזוי געבן אַ נעם דעם „בחור" אויף דער פּלייצע. אויסגעטראַכט — גיט מען אים אַ נעם איינער פון פאָרנט, צוויי פון אונטן, איינער אין דער זייט אַלס „בעאָבאַכטער" און אַ פינפטער זאָגט סתם עצות — און ביי דעם אַלעם גיט זיך דער שטיג אַ לאָז־אַראָפּ און הרגעט באַלד נישט אַוועק דעם גאַנצן עולם.

אבראשקע — איינער אליין גיט ער דאָס טרעפּל קונציק אַ קאַטשע ארויף אויף דער פּלייצע און כהרף־עין איז ער שוין מיט אים אויפן ריכטיקן פּלאַץ. אוועקגעלייגט פּאַוואָליע, אויסגעגלייכט זיך די ביינער — און מיט אַ „ניטשע־וואָ בראט" איז ער, שוין ווידער אונטן. ס׳געדויערט נישט לאנג און אַ „מארש" טרעפּלעך ליגט אויסגעלייגט ווי די שעפּעלעך.

אבראשא איז אַ געשווירענער אנטי־פּעמיניסט: אַן אלטער קאוואליר, אי׳ ער אַ מזיק אין הלכות קאָך און פּרעס־ענינים. אז ער גיט אַ קאָך־אָפּ אַן עכט רוסישן „ושארקוי" מיט די אלע פּיטשעווקעס מיט די אלע פּעפּערלעך, בלעטעלעך און שאר מיני ירקות איז נאָר די פינגער צו לעקן. אלע תל אביבער ווייבער מעגן זיך ביי אים קומען לערנען.

אבראשאס אַ גלעזל טיי איז אַ שם־דבר צווישן אלע קרימטשאקעס, מיט וועלכע תל אביב איז געבענטשט נישט אין אַ קליינער צאָל. אז ער מיט דער חברותא זעצן זיך אַוועק ביי אזא „סטאַקאַן" (יעדער סטאקאַן לכל הפּחות אַ ליטער) און ער צודונערט זיך מיט דער באַסאָווער שטימע זיינער: „וואָלגאַ, וואָלגאַ, מאַט ראָדנאַיאַ" — ווערט שכונת מחלול (אַ צריפים־קווארטאל נעבן ים) ווו ער וווינט, שוין זינט יאָרן, אינגאנצן אויפגעציטערט. ווענט טרייסלען זיך, שויבן פּלאצן, ס׳דאכט זיך — נאָך רגע און די צריפימלעך הייבן זיך אויף צוזאמען מיט די יסודות און — גלייך אין ים אַריין.

אַ הארץ האָט ער אַ ווייכס. ער איז מוכן אויסטוען פון זיך דאָס לעצטע העמד, אוועקגעבן דעם לעצטן פּיאסטער אויף העלפן אַ חבר אין אַן עת צרה.

און גוטע ברידער פּעלן אים, ברוך השם, נישט אויס. ווער עס האָט נאָר גאָט אין הארצן שלעפּט פון אבראשאן ווי פון אַ טויטן. בלייבט ער טאקע, און דאָס זייער אפט, אָן אַ פּיאסטער ביי דער נשמה. נעמט זיך דער קרימטשאק נישט שטארק צום הארצן. שכונת מחלולער מכולת געוועלבלעך (שפּייז קראָ־מען) לאָזן אים נישט אונטערגיין, אַן אלטער און איינגענער תושב, און עמך לאָזט אים נישט פּאלן.

אין די פּאָר ווינטער־חדשים ווערט אבראשא פּויל ווי אַ בער. וואָס הייסט פּויל? ער רירט זיך פּשוט נישט אַראָפּ פון בעטל. ווען נישט מאכן אַ גלעזל „טשאַי", וואָלט ער זיך אין די פיר־און־צוואַנציק שעה פון מעת־לעת אַפילו אַ קער נישט געטאָן, נאָר געכראָפּעט.

קבלנים (בוי אונטערנעמער) לויפן צו אים און בעטן זיך: אבראשא האָב רחמנות, אַ מארש טרעפּ ווארט אויף דיר — נאַ דיר וויפל דו ווילסט, אַבי גיב זיך אַ ריר. און ער: „ניע כאָטשו". און גיי טו אים עפּעס.

אין מיטן אַ שיינעם העלן טאָג גיט ער זיך אַ באַוויז אויף אלענבי־גאַס נעבן וויטמאנס גאַזאָ־בודע. און עס ווערט לעבעדיק און לוסטיק אויף דער שווארצער ארבעטער־בירזשע, ווו אבראשא איז דער גאנצער מאכער און פירער פון דעם נישט אָרגאניזירטן „טשאָרני ראַבאָטשי נאַראָד".

פּאקט ער אריין אַ קבלנטשיקל, וועלכער קומט ארויס אויף דער בירזשע כאַפּן אַ שאַנסל, עפּעס אַ תימנער מויערער־מייסטער, באַלאָטן לייגער, אָדער



סתם שווארצן ארבעטער, פון וועלכן ער זאָל ארויסיאָגן די נשמה און אָפּ־פּטרן אים מיט אַ פּאָר שילינג: פּאלט אזא פּארשוין אריין אין אבראשקעס הענט, איז ער אַ געקויפטער. ער מאכט תמעוואטע, שאָקלט צו מיטן קאָפּ, גייט אים נאָך מיט — דער קבלנטשיק מיינט: ער האָט שוין דאָס געפּאקט יענעם עבד, אזא ריז און אזא תם. ער וועט אים דאָס געבן יענעם אַ נויק־אויס און אַהיימשיקן מיט אַ פייג.

אבראשא כאפּט אריין אַ געזונטן שוויץ, ענדיקט דאָט שטיקל ארבעט איינס־צוויי, און גיט זיך אַ שטעל אַוועק ווי איינער זאָגט. כ׳האָב געענדיקט, לאָמיר זען די פּאָר טאָלער פאר די אויגן. יענער ווערט נישט נתפּעל און רוקט אים אונטער אַ פּריש שטיקל ארבעט. פּוילט זיך נישט אבראשא און זאָגט זיך שטיל: „דיענגי". וועסט ענדיקן דעם טאָג, באקומסטו. כ׳האָב געענדיקט — וואָס הייסט? אזוי הייסט עס. און ווייטער: „דיענגי". דאָס מאָל שוין אַביסל העכער. בקיצור אַ וואָרט צו אַ וואָרט, ס׳ווערט אַביסל ווארעמער, און דאָס קבלנטשיקל שלעפּט שוין אַרויס נישט קיין שילינגס, נאָר פונטן און דאנקט נאָך גאָט, אז אבראשא טראָגט זיך אָפּ און לאָזט אים איבער אַ לעבעדיקן. אז מ׳גיט אים אַ פרעג: זאָג, אבראשקא, וואָס וועט זיין פון די אלע מלחמות, יקרות א.א.וו. גיט ער אייך אַ לייג אַרויף זיין הענטל אויפן אקסל, און מיט אַ פאַנקע שמייכל אויף די ליפּן: „ניטשעוואָ, בראט, בודיעט כאַראָשאָ".

## י. ה. לעווי

# איך האב פיינט די בייזע שווערד!

איך האָב ליב די פידל דודס מיט די כשוף־סטרונעס,<br>וואָס עס פלעגט באַוועגן זיי געהיים אין חצות דער ווינט;<br>אויף דער שטילקייטס־הארף ווען ס׳האָט דאָס הארץ זיינס אויסגעשפּילט<br>הייליק טיף דעם זמר תהילם אנגסטיק מיט אמונה.

איך האָב פיינט די בייזע שווערד, וואָס דוד פלעגט צו שאַרפן<br>פאר דער רייציק רייפע־צעבליטער אלישבעס פּראכט,<br>און איר מאַן דערפאר צו לאָזן טויטן אין דער שלאכט,<br>צו פארפירן זי מיט זיינע גאָלדנע ליבעס־האַרפעס . . .

ניט איך זינג קיין הימנעס אויף און נישט קיין לויבגעזאנגען<br>צו זיין העלדיש אויסגעשטרעקטער ווילדער שווערד און שפּיז,<br>וואָס זי פלעגט אַדורכצוזעגן ווען רהאס געפאַנגען<br>אין דער לענג און ברייט, ווען ר׳איז געלעגן אים צו פיס.<br>וויל די זעלבע שווערד, וואָס האָט געדינט אַמאָל אים,<br>געצויגן אויך אויף אים זיין זון האָט אבישלום . . .

## און זאָג צו די זיכערע

און זאָג צו די זיכערע אַלע, וואָס הוירן
אויף שווערדן און ביקסן, זיי וועלן פאַרלירן,
די זיכערקייט וועט זיי אַמאָל שוין פאַרפירן,
כאָטש זייער באַוואָפנונג מעג אייביק געדוירן...

עס וועלן נישט העלפן קיין שאַנצן, קיין מוירן;
קיין וואָפן, קיין היילן אין ערדס טיפן שלונד.
און דאָס, וואָס זייער מי האָט באַשאַפן געזונט,
וועט גיין מיט די פלאַמען פון פייער פאַרלוירן.

און די, וואָס זיי וועלן די ערד נאָך נישט קילן,
און פּרוּוון צו צילן מיט פיילן פון וואָרט;
אַזוי ווי די שפּילער זיי וועלן פאַרשפּילן,
פון קאָרט זייער לעצטע געפערלעכע קאָרט.
וואָס ס'האָט זייער זיכערע שטאַרקייט באַשאַפן
פון אייביק באַוואָפנען זיך, שיצן מיט וואָפן...

## נישט דער איז אַ העלד...

ווער זענען דאָס יענע, וואָס ס'האָט זיי באַשאַפן
דער מיטאָס פון פייער, פון טרערן און קריג?
די בלוטיק באַוואָפנטע העלד פון זיג,
מיט זייערע נישט קיינמאָל געענוגנדע וואָפן...

ווער זענען דאָס יענע, די עלענדע שקלאַפן,
וואָס קענען נאָך לעבן פון מאָרד און פון רויב?
און ווערן דער הויבן מיט שבחים און לויב
פון אַלע דערנידריקט האַלב־מענטשלעכע אַפן.

נישט דער איז אַ העלד וואָס קען הרגענען בעסער
זיין מיט־מענטש אין בלוטיק פאַרשיכורטן שטרייט;
פאַרשטעכן וואָס פריער אין האַרץ אים דאָס מעסער.
נאָר דער איז אַ העלד, וואָס ער שאַפט איבער צייט —
און קען זיך מיט ליבע דעם צווייטן אָפּגעבן;
און היילט מיט אַרבעט ס'טאָג־טעגלעכע לעבן.



דוד אַפּאַלאָוו (ניו יאָרק)

## ה י י מ י ש . . .

אַ בלומענוואַז, אַ ביכל
און בילדער אויף די ווענט
און ס'ווערט מיין לעבן זיכער,
מיין גליק צו מיר געענט.

דאָס היימישקייט דערוואָרעמט
און צערטל יעדעס גליד,
די גרויע וואָר די שטאַרע
פאַרשווינדט, בלייבסט צוגעשמידט.

צום כישופדיקן אינזל
וואָס רופסט מיט ליבשאַפט: היים,
וואו דו מאָלסט אָן אַ פּינזל,
אַ וועלט שיין און געהיים.

## צו קראָטאָנאַ פּאַרק

קראָטאָנאַ פּאַרק, ביזט ווי אַ גוטער פריינט
מיט דיינע שמייכלענדיק־צעגרינטע ביימער.
אין דיינע אָרעמס בין איך אויך צעשיינט.
איך ווער פאַרוואַנדלט אין אַ יונגן טרוימער.

פון פלאַטערלעך און ווערימלעך געגריסט,
איך לייג מיין קאָפּ אויף גרינערדס ווייכן קישן.
ווי הימלישע סימפאָניעס פון ליסט
די גאָלדיק־זונעדיקע לאַנדשאַפט כּישפט.

לעבן אַ הויכן, פּאַטעריליכן בוים
שטייט אַ קליין ביימעלע פאַרוואונדערט.
און לאַנגזאַם רירן זיך אין בלויעם רוים
די זאַרגלאָז דורכזיכטיקע שטונדן.

כ'פאַרוויגט קראָטאָנאַ פּאַרק מיט זיסער רו
די הייזער ביי זיין פרידיקן אַריינגאַנג
און ווען פאַרבענקט איך מאַך די אויגן צו,
כ'ווער אָנגעלאָדן מיט ניטדאָעדיקע קלאַנגען.

פאַרוואָס בין איך אַוועק ווייט אין די בערג
און גאָר פאַרזען דיין רייפע שיינקייט.
דו האָסט אויף מיר געוואַרט דורך רייפע טעג,
געוואָלט מיין אומרו כוואַליע פאַרשווענקען.

# די שיינע שבעה

(המשך)

## קאַפּיטל 3

## רייטשלס טיי

געקומען בשלום אַהיים פֿון דער לוויה, איז דער הויכער ר׳ שמחה ערשט געוואָרן „ביזי״.

— נו, מאַ.

אָפּגעווישט די גריסע וואָנצעס, „וואָס האַלטן זיך נאָך יונג״, האָט ער דאָס ערשטע אָפּגערופֿן אָן אַ זייט רייטשלען, ביי וועלכער דאָס פּנים איז נאָך געווען נאַס פֿון טרערן, באַזונדערס צווישן די טיפֿע קנייטשן, און האָט ווי אַ באַפֿעל געטון:

— רייטשל, מאַך עפּעס עסן פֿאַר די אבלים!

די אָרימע רייטשל האָט זיך, נעבעך, געפֿילט ווי די הויפּט־מחותנתטע.

זינט דער אַלטער ר׳ שלמה איז קראַנק געוואָרן מיט זיין שרעקלעכער קראַנקהייט, האָט זי אים כסדר נאָכגעקוקט, מער ווי ווער ס׳איז אַנדערער; עפּעס ווי זי וואָלט טאַקע זיינס אַ ווייב געווען.

— רייטשל, מאַך מיר צורעכט דאָס לופֿט־קישן. רייטשל, די וואַסער־פֿלאַש איז קאַלט. — רייטשל אַהער און רייטשל אַהין. אַפֿילו מיט דער אונטערוועגס האָט זי אים אויך געמוזט העלפֿן, ווי זי וואָלט גאָר קיין פֿרעמדע נישט געווען.

קיין גוטער חולה, זאָל ער אונז מוחל זיין, איז ער קיינמאָל נישט געווען. שטאַרקע מאַנספּערשוינען זענען שלעכטע חולאים און נאָך ערגערע שטאַרבער. איר אייגענער מאַן איז געשטאָרבן פֿון שווינדזוכט, ווי אַ לעמעלע, כאָטש ער איז נאָך קיין פֿערציקער נישט געווען. און ער, קיין עין־הרע, איבער די זיבעציק — אַ שטאַרקער מאַנספּערשוין געווען — און האָט די וועלט איינגעלעגט מיט זיין קרעכצן, מיט זיינע פֿאָדערונגען, ביז מען האָט אים צוגענומען אין שפּיטאָל.

— רייטשל... רחל! — זיינע קולות און רופֿן פֿאַרן נאָך אַרום אין איר מידן מוח, ווי די באַנען אין די „טיובן״.

— און די קינדער, און די טעכטער אַפֿילו, זיי האָבן בעסער געמעגט נאָכקוקן זייער טאַטן... און נישט פֿאַרלאָזן זיך אינגאַנצן אויף איר און אויף דעם אָרימען סעמי — אַ גאָלדענער באָי. זי ווייסט דאָך יאָ דעם אמת, נאָר גאָרנישט. מ׳זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד.... איצט זענען זיי אַלע דאָ. אַזוי איז עס, אַז מען ווערט אַלט...

מיד, נישט אויסגעשלאָפֿן, אַ צעבראָכענע פֿון דער לוויה און מיט מטושטשע קאָפּ־דרייעניש, „וואָס ווייטער? זי האָט דאָך אַליין אויך עפּעס קינדער!״



— איז זי געבליבן זיצן אויף אַ בענקל ביים פֿענסטערל צווישן דעם גרויסן עס־טיש מיט די פּאָר פֿאַליצעס אַלטע משניותן און סידורים, וואו ער פֿלעגט אָפֿט זיצן און ווי אַ ברייטע טאַטע־מאַמע הנאה האָבן ווי די קינדער עסן. „פֿיניש דעם טעלער סוף; נעם דאָס שטיקל הין אין די הענט אַריין, שעם דיך נישט״...

לכתחילה האָט זיך איר געגעבן עפּעס אַ דאַכט אויס, אַז דאָס איז זי אָצינד געקומען פֿון דער לוויה פֿון איר אייגענעם מאַן, וועלכער איז מיט יאָרן צוריק געשטאָרבן אינם ווייסטן לאָנדאָן טאַקע, און זי איבערגעלאָזט אַ יונגע אלמנה מיט פֿיר קליינע קינדער.

נישט צו זינדיקן מיט די רייד, ס׳האָט זיך איר אין די לעצטע יאָרן, ווען זי האָט זיך אַזוי היימיש איינגעלעבט אין ר׳שלמה גאָלדבלומס שטוב, אַ סך מאָל עפּעס מאָדנע באַלעמוטשעט אין קאָפּ, אַז ווען איר מאַן עלטערט זיך, וואָלט ער אויסגעזעען ווי ר׳שלמה גאָלדבלום . . . אָדער עפּעס ווי איר מאַן וואָלט, אַ שטייגער ווי אַ גייך און אַ הערינג, געלעבט אין ר׳ שלמה׳ן... אַזוי היימיש איז זי געוואָרן מיטן אַלטן, מיט זיין שטוב און זיינע קינדער; באַזונדערס מיט די דריי יונגסטע, וואָס זי האָט פֿון קינדוויז אָן דערצויגן ווי אַן אייגענע מאַמע.

און אויפֿן בית־עולם, גיסנדיק מיט טרערן, ווען די לאָפּאַטעס ערד האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן טויב אויפֿן ארון, זענען זיי אַזוי ענלעך געווען צו די לאָפּעטעס ערד, וואָס האָבן זיך געשאָטן מיט אַ זעכצן־זיבעצן יאָהר צוריק אויף איר מאַנס ארון. און עפּעס האָט זיך איר אַזוי האַרציק געוויינט גלייך ווי נישט ר׳שלמה נאָר איר מאַן וואָלט ערשט געשטאָרבן, גלייך ווי איר מאַן וואָלט ערשט אינם געשטאַלט פֿון ר׳שלמה גאָלדבלום באַהאַלטן געוואָרן . . . דאָס האַרץ האָט געחלשט, אַפֿילו די קינדער זיינע און אירע האָבן זיך ווי אויסגעמישט. ווען מען זאָל זי אין יענער מינוט געוועזן פֿרעגן, וואָלט זי געשוואוירן, אַז אויך אירע צוויי באָיעס זאָגן קדיש ביי ר׳שלמהס קבר.

— איז ער דאָך טאַקע אַ סך מאָל ווי אַן אמתער טאַטע געווען צו אירע קינדער אויך!

אָבער ר׳שמחה לאָזט נישט אָצינד זיצן אַזוי אומעטיק און טראַכטן:

— רייטשל, נו, מאַך שוין עפּעס עסן פֿאַר די קינדער . . .

און טאַקע תוך כדי דבור האָבן צענדליקער שטימען, יונגערע און עלטערע, פֿרויעשע און מענערשע, אָנגעהויבן רופֿן פֿון אַלע זייטן:

— רייטשל!

— רייטשל, וואו ביסטו?

— אוי, רייטשל־לעבן, אַ „קאַפּע טי״.

— „רייטשל דיר, וויל יו פּליז״.

קיין עין־הרע נישט, אַ בעטעניש, אַ רופֿעניש און אַ ווינטשעניש פֿון אַלע זייטן, „איר זאָלט שוין נישט וויסן מער פֿון קיין צער״!

און דער „פּעסעדזש״ מיט אַלע הענגערס און כלים זענען פֿאַרלייגט געוואָרן מיט קליידער, פֿרויען און מענער־קליידער; פֿוטער־מאַנטלען און פֿיינע

פאַלטנדלעך, וואָס דערמאָנען אָן שבת, אָן שול.

און נישט נאָר דאָס פאָדערהויז, נאָר אַלע צימערן. אויף אַלע טישן — פרויען־היט פון די סאמע לעצטע מאָדעס; „סמארטע" האַנטבייטלען, הענטשקעס, וואָס האָבן שוין, פאַרוואָרפענע, געוואַרט מען זאָל זיי אָנהויבן זוכן.

— רייטשל, האָסט געזען מיין בייטל?

— רייטשל, האָסט געזען מיין הוט?

— רייטשל, האָסט געזען מיינע הענטשקעס?

אַלץ רייטשל און רייטשל, עפּעס ווי זי וואָלט געווען זייער אַלעמענס מאַמע; טאַקע אַ מוטער רחל. אויף אַ רגע האָט זיך אין אירע שוואַרצע אויגן, וועלכע זענען אַמאָל אין די היימישע פוילישע סעדער זער שיין געווען, זיך אויש באַוויזן אַ שמייכלענדיק פינקל.

— קיין עין־הרע נישט, מען וואָלט געקענט מיינען, אַז ס'איז אַ שמחה, ווי אין די גוטע אַלטע צייטן, ווען אַלע קינדער מיט זייערע ווייבער זענען זיך צונויפגעקומען צום „פּרעזידענט" אויף אַ גרויסער, וויכטיקער פאַמיליען־באַראַטונג ערב עמיצנס אַ חתונה אָדער אַן „ענגעדזשמענט־פּאַרטי" . . .

און ווייטער גלויבט זיך טאַקע נישט, אַז ער איז שוין נישטאָ.

אָט באַלד וועט זיין שטימע אַרויסדונערן פון זיין צימער איבער אַלעמענס שטימען:

— מען האָט זיך דיר געבעטן „אַ קאַפּע טי"! וואו איז זי? שוין ווידער אין די פיקטשעס? איר מאַמע פלעגט לויפן אַלע טאָג אין שול אַריין און זי — אין די פיקטשעס . . .

— אָלרייט, אָלרייט, באַלד, — וואַכט רייטשל אויף — דער קעסל קאָכט שוין באַלד. אַז מען קען זיך דען אויף אַ יויקלטע פאַרלאָזן? איך האָב איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל אַלץ אָנגרייטן, האָט זי זיך אָבער געמוזט אַריבערכאַפּן אין שענק; ס'איז דאָך שוין אָפּן . . .

און ר'שמחה, ווי „אַן אמתער מאַן, וואָס שלאָפט נישט", איז איר באַלד געקומען צוהילף: אַריבערגעשיקט אנטקייגנאיבער נאָך רייטשלס באַיעס און זיי צעשיקט אין די קלייטלעך איינקויפן פאַרשיידענע קלייניקייטן. איינגערוימט רייטשלס שטילער, שעמעוודיקער טאָכטער, וועלכע האָט זיך אויך געטרויערט, גלייך ווי איר אייגענער טאַטע וואָלט געשטאָרבן, אַז זי זאָל אַביסל צוהעלפן.

— אָט אַזוי האָב איך דיך ליב, — האָט ער איר געגעבן קוראַזש, ווען יענע האָט זיך אויפגעכאַפּט פון איר ווינקל און גלייך גענומען פאַלגן זיין באַפעל.

און אפילו די צוויי טאָכטער — פרענסיס און מערי — האָט ר'שמחה געוואַגט בעטן אַביסל העלפן. אָבער די טעכטער האָט מען לאַנג נישט געדאַרפט בעטן: עפּעס אַזויפיל ברידער, קיין עין־הרע, אַרום. זענען נישט די זין, די קדיש־זאָגער, די אמתע אבלים, איז עס נישט זייער לעצטער חוב צום פאָטער?

און איינע האָט איבערגעפּלייסט די אַנדערע.

און ס'איז געוואָרן אַ קלינגעריי פון טעצלעך און טענער. דער גרויסער



פּאַרסאַזשעטער קעסל האָט, ווי אַ פּאַראַוואָז, געזעצט מיט פּאַרע — מען האָט אויש נישט אַרויסגעזען די סטעליע פון דער קליינער קיך. וועגן וועלכער רייטשל האָט שטענדיק „געגראָמבלט".

און רייטשלס „באַרימטע, ענגלישע קאַפּע טי" — מען האָט געשמועסט, אַז קיינער קען נישט מאַכן אַזאַ אמתע, ענגלישע טיי, ווי רייטשל; און אפילו ר'שמחה, דער שטענדיקער „גראָמבלער" און מפונק אויף עסנוואַרג, פלעגט אונטער די וואָנצעס צוגעבן: „רייטשל, מאַכט אַ גוטע קאַפּע טי — האָט אָנגעהויבן אַרומפאָרן איבער דער צעראַטע פון דעם לאַנגן עס־טיש און איז געגאַנגען פון האַנט צו האַנט איבער אַלע צימערן . . .

— אוי, רייטשל, האָסט מיך דערראַטעוועט ביים לעבן . . .

— האָסט נאָך קיינמאָל נישט געמאַכט אַזאַ גוטע קאַפּע טי, ווי איצט.

— מוזט מיר זאָגן, רייטשל, וויאַזוי דו מאַכסט די טי. דו מוזט מיר אַרויסגעבן דיין „סעקרעט" — האָבן זיך די יונגע שנורן קאָקעטיש געחנפעט צו רייטשעלען, אויסגעמענטשעטע פונם לאַנגן — עס האָט אַזוי לאַנג געדויערט!

— פאָרן צום בית־עולם און צוריק . . .

— איך ווער שוין פשוט „דזשעלעז". מיין דזשעקי האַלט אין איין טענה, אַז קיינער קען נישט מאַכן אַזאַ קאַפּע טי, ווי רייטשל . . .

—„סאָ עם אַי, סאָ איז מיין אַברי" . . .

און רייטשל איז שוין אין איר ראַל . . . זי שיט זשמעניעס טיי אינם טשייניק, די אויגן טרערן זיך לאַכנדיק פון די קאָמפּלימענטן, וואָס די יונגע ווייבלעך מאַכן איר . . . און דאַנזשעט קוים מיט אַ קאַפּע טי זיך אַליין דאָס האַרץ צו דערכאַפּן, פילנדיק ווי עס גייט איר אַוועק ווי נאָך אַ לאַנגן תענית.

* * *

און טאַמער וואָלט דער טומל סאַי ווי געווען גרויס, איז דער מיש־מאַש פון קולות און אויסרופן געווען נאָך גרעסער, ווייל אין דער פאַמיליע זענען געווען צוויי דזשעקס — דער עלטסטער זון יעקב און פונקט אויך דער עלטסטער אידעם (יאַנקל), וועלכער האָט שוין באַשלאָסן נישט צו „אַטענדן" צו די ביזנעס, וואָס ער האָט היינט געהאַט; אַזוי ליב זענען אים געווען שמחות. און צוויי פרענסיס זענען דאָרט געווען — די עלטסטע שנור און די עלטסטע טאָכטער רייטשלס. און דריי מעריס; די יונגסטע טאָכטער ר'שלמה גאָלדבלומס — מערי קלאַנגס, זיין צווייטע שנור — מערי לולוס און רייטשלס צווייטע און יונגסטע טאָכטער, אויף וועלכער מען האָט אין אַ שפּאַס אויסגעטראַכט, אַז זי וועט חתונה האָבן מיט פּסחלען — פּיטער, הייסט ער — שלמה גאָלדבלומס מיזיניקל.

אַ חוץ דעם זענען נאָך געווען צוויי לולוס — דער צווייטער זון גאָלדבלומס, לייבוש (מען האָט אים אַזוי פאַרצויגן, ווייל ער איז געווען אַ קליינינקער און אַ קיילעכיקער און האָט שרעקלעך ליב געהאַט קליסקעלעך, כאַטש זיין מערי — מערי לולוס — וועלכע האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן ענגלישע ליידי און געשפּילט טעניס, פלעגט דערפאַר לאַכן פון אים) און פּיטערן, פּסחלען הייסט

עס, האָט מען אויך נאָך גערופן לולו, ווייל ער האָט אויך, ווי דאָס לעבן, ליב געהאַט קליסקעלעך, און דערצו האָט זיך עס אים גלאָט געפּאַסט, ווייל ער איז געווען דער קלענסטער, דער יונגסטער אין דער פאַמיליע.

און נאָך צוויי מעקסיס זענען געווען.

האָט זיך געטון אַ מיש־מאַש פון רופן און קולות אידער די זין און טעכטער האָבן זיך „אַוועקגעזעצט".

אַלע צימערן פונם אַלטן הויז זענען געווען געפּאַקט מיט אייגענע און פרעמדע אבלים. האָט מען זיך געשטופּט אַהין און צוריק און ווי אין יעדן געדרענגעניש — ווי קליין דער שטח פון דער געדרענגעניש זאָל נישט זיין — האָט מען געבלאָנדזשעט און פונקט נישט געקענט געפינען וועמען מען האָט געזוכט, כאָטש דער געזוכטער האָט געקענט שטיין הינטער דער פּלייצע.

— דזשעקי!

— לולו!

— מערי!

— פּרענסיס!

— וואו איז דזשעקי? וועלכע מערי ווילסטו?

— נישט דיך. ווער דאַרף דיך האָבן?...

און אַז ר׳שמחה האָט געזען, אַז „ס׳וועט דאָ צו קיין טאָלק נישט קומען; אַז ס׳איז אַ שאַנדע; אַז די אבלים וועלן זיך קיינמאָל נישט אַוועקזעצן", האָט ער דאָס ערשטע די שנורן גענומען טרייבן אַהיים. ווי קאַטשקעס און גענז האָט ער זיי געטריבן.

— האַלאָ, האַלאָ! געהאַט אַ קאַפּע טי? אַהיים! אַהיים צו אייערע קינדערלעך! מען דאַרף אייך שוין דאָ מער נישט האָבן. גייט געזונטערהייט אַהיים. איר זענט דאָך עפּעס מאַמעס. אָך, היינטיקע מאַמעס!

האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ חנדלען זיך און קווענקלען זיך פון די שנורן. זיי זענען, אפנים, ביז איצט נישט אינגאַנצן זיכער געווען, אַז זייערע מענער וועלן בלייבן זיצן שבעה דאָ, אין דער איסט־ענד, אויף אַ גאַנצע וואָך.

עפּעס איז זיי די מעשה נישט אינגאַנצן אנגעשטאַנען. נישט מחמת עפּעס, נאָר ס׳האָט זיך זיי געדאַכט אָדער זיי האָבן אומבאַוואוסט געהאָפט, אַז די מענער וועלן זיך איינשפּאַרן און נאָר וועלן גיין מיט זיי אַהיים צו זייערע אייגענע בעטן.

— וואו וועסטו דאָ שלאָפן?

— וועסט דאָך דאָ צעבראָכן ווערן?

— איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז נאָר אַ שפּאַס...

— מיט וועמען, מיט אים וועסטו שלאָפן?

— „אָלרייט, איי דאָנט מיינד".

עס האָבן זיך האַלבע שמייכעלעך געצילעוועט אויף די פּנימער פון די יונגע בעלי־בתים און בעל־הביתלעך... מען האָט זיך איינגעהאַלטן נישט צו מאַכן די היימישע וויצן אויפן חשבון פון די ווייבער.



די ערשטע איז אַנטלאָפן די עלטסטע שנור, פּרענסיס דזשעקס. זי דאַרף אַזש פאָרן קיין בריטאָן און איז דאָך עפּעס אַ מאַמע פון פיר קינדער. זי האָט קיין צייט נישט צו מוטלען, ווי אירע „סיסטערס אין לאָו". זי זעט שטענדיק אויס ווי זי האָט קיין צייט נישט, ווי זי וואָלט זיך געאיילט. דערצו האָט זי נאָך איצט געמוזט צואיילן איר מוטער, וועלכע האָט זיך מיט איר גרויסן, אַלטן, ווייכן גוף נישט געפונען קיין פּלאַץ אין דער טומלדיקער, אומעטיקער ענגשאַפט. אירע קליינע אייגעלעך האָבן נאָך וואַסערדיקער, ווי שטענדיק, אויסגעזעען און איר איינגעפאַלן אַלט מויל האָט זיך געקרימט, אַז מען האָט נישט געקענט וויסן אַקוראַט פאַרוואָס זי פילט זיך איצט אַזוי שלעכט: צי דערפאַר, ווייל ס׳איז געשטאָרבן איר טאָכטערס אַלטער, געזונטער שווער, אויף וועלכן זי פלעגט רעדן, אַז ער דאַרף חתונה האָבן מיט רחלען, ווייל ער איז נאָך, קיין עין־הרע, אַ געזונטער מאַן; צי דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקענט פּאַקן אַצינד די זעלבע רחל און מיט איר זיך אַביסל אָפּרעדן דאָס האַרץ, כאָטש די צוויי פרויען האָבן זיך גאָרנישט ליב געהאַט; צי אפשר דערפאַר, ווייל אין דער געדרענגעניש האָט קיינער נישט געקענט זען, ווי זי וויגט איר גרויסן גוף אויף די טשאַפּלען פיס, און קיינער מאַכט אַצינד פון איר „דער איינציקער ליטוואַטשקע אין דער פוילישער משפּחה" און פון איר טשאַפּלען גענגל קיין חוזק ניט. אפילו דער פריילעכער אידעם, דזשעקי, וועלכער טשעפּעט זיך צו איר שטענדיק אממייסטן, אויך ווייל ער איז נישט קיין פוילישער נאָר אַ קיעווער, האָט זי איצט קוים באַמערקט.

— קאָם אָן, מאַדער, האָסט געטרונקען אַ גלאָז טיי?

— איך האָב געטרונקען, — האָט זיך די אַלטע שיער נישט צעוויינט ווי אַ קליין קינד.

מיט איר געשווינט לשונדל האָט זיך פּרענסיס געזעגנט מיטן מאַן, אויף וועלכן זי איז איצט באַזונדערס שטאָלץ געווען — עפּעס דער קאָפּ פון דעם גאַנצן געדרענג — מיט די שוועגערינס און מיט אַלע, וואָס האָבן זיך איר געטראָפן צו דער האַנט: „מען זאָל שוין נישט וויסן פון קיין צער!"

געקושט, ווי אפגערעדטערהייט, האָבן זיי זיך קיינער נישט מיט די מאַנען, גלייך ווי ס׳וואָלט געווען פאַרבאָטן. אפילו פּערל און גוויני, די גאָר יונגע ווייבלעך, וואָס דער האָניק־חודש און דער עץ־הדעת איז זיי נאָך געלעגן אויף די פּנימלעך אַזוי זיס־קאַקעטיש, אפילו זיי האָבן זיך ביים געזעגענען נישט געקושט מיט זייערע יונגע מענער.

די צווייטע האָט זיך אַרויסגעשיפּט סאָפי — די דריטע שנור. זי האָט געהאַט אַ פּנים, וואָס האָט דערמאָנט אין איינעם פון ראַפאַעלס מאַדאָנאַס. אָבער דערפאַר איז זי געווען די העכסטע, פעטסטע און גרעסטע פון די שנורן. צוליב דעם, וואָס זי האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גאַנצער יחסנטע — שטאַמט פון פוילישע רבנים און איר ברודער אין לאָנדאָן, מיסטער שפּילמאַן, איז אַ גביר פון אַ הונדערט טויזנט פונט — האָט זי געריעדט אַריסטאָקראַטיש־אַרטיק אונטער דער נאָז און צעצויגן; און אַלץ מיטן „ווי" און מיטן „אינען" און נישט

דירעקט „איר” אָדער „דו”, ווי פשוטע מענטשן רעדן. צו יעדער צייט, ווען איר האָט זי געטראָפן, האָט זי זיך געפילט אַביסל באַליידיקט, צי איבער איר פיינעם אַלטמאָדישן קאָפּ, צי איבער איר צו גרויסן אומגעלומפּערטן גוף, נאָר שטענדיק האָט זי אויף עפּעס פּיעשטשענדיק „געגראַמבלט”. דערפאַר אויך האָט זי זיך איצט אַן אנגעבלאָזענע אַרויסגעשיפּט די צווייטע. עפּעס ווי לויט איר יחוס און לויט איר שטאנד — איר ריטשאַרד איז דאָך עפּעס דער בכור פונם מחותנס צווייטן ווייב — וואָלט זי און נישט פּרענסים גענדאַרפט אַוועקגיין די ערשטע. האָט זי זיך אַצינד ווי צוגעאיילט און אַוועק כאָטש די צווייטע, איידער מערי לולוס וועט אַוועקגיין.

— וועס־טו גע־דענ־קען, ריטשאַאַרד, — האָט זי עפּעס דאָס לעצטע מאָל אנגעזאָגט איר מאַן.

נישט ווילנדיק האָט זיך די אַרומיקע, וואָס האָבן עס געהערט, געוואָלט וויסן וואָס זי האָט אָנגעזאָגט איר מאַן, אַז ער זאָל געדענקען: צי עפּעס וועגן די פּידזשאַמעס, צי וועגן דעם, אַז ער זאָל נישט זינגען פּאַיאַטשי, צי נאָר עפּעס וועגן דער ירושה, ווען ס'וועט קומען צורייד צווישן די אבלים.

אָבער נישט פון סאָפּיס פאַרטראַכט פּנים און נישט פון ריטשאַרדס, וועלכער איז געשטאַנען פאַר איר ווי אַ חדר־יונגל פאַר אַ רבין, וואָס גייט אַוועק, האָט מען געקענט וויסן. מען האָט נאָר געהערט ווי זי האָט זיך מיט אַ זיפץ אַראָפּגעלאָזט פון די הילצערנע טרעפּ און ווי דער רעש פון גאַס האָט זיך אַ ריס געטון צו דער צעעפנטער טיר.

נאָך איר איז באַלד אַנטלאָפן די קליינע, שטשופּלע ליובאַטשקע — די פּערטע שנור.

— „איי דאָנט מיינד, אַברי, איי דאָנט מיינד” — האָט זי זיך געזעגנט מיט איר מאַן, וועלכער וועט איצט שלאָפן אַ גאַנצע וואָך נישט אין דער היים.

— כי, כי . . . „וויי שוד איי?” זי האָט זיך אויך געזעגנט מיט איר אַלטיטשקן זיידן, וואָס האָט זיך אונטערגענומען דאָ צו דאַווענען מיט „די קינדער” דריימאָל אַ טאָג, ווייל ער וואוינט סאַי ווי נישט ווייט פון דאַנען און האָט ליב צו דאַווענען ביים עמוד . . .

די „סמאַרטע” מערי לולוס איז אַהיימגעגאַנגען מיט די צוויי גאָר יונגע שנורן. אויך דערפאַר, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז זי זעט נאָך אויס אַזוי יונג און שלאַנק ווי זיי, כאָטש מען „טשאַפּט” איר, אַז זי הויבט שוין אָן ווערן פעט. ס'קען זיין, אַז זיי וועלן אַלע דריי נאָך אַריינגיין ערגעץ אין דער וועסט־ענד „האָבן אַ ריעל קאָפּ אָוו טי” (דאָס איז נאָך די אַלע קאָמפּלימענטן צו רחלס טיי־מאַכן). אָבער ניין, ס'פּאַסט נישט, כאָטש מיט איר קאָפּווייטאָק וואָלט זי געמעגט מיט זיי „האָבן טי” . . . ניין, זי וועט בעסער די צוויי יונגסטע שנורן איינלאַדן אַצינד זיך אַהיים, ווייזן זיי נאָכאַמאָל איר „בעד־רום סוויט” — דער שענסטער אין דער פאַמיליע; טויזנט פונט געקאָסט. „אפשר זאָלן זיי נעכטיקן ביי איר, פור געלס?” זיי וועלן דאָך די גאַנצע וואָך נעכטיקן ביי זייערע עלטערן.



מערי לולוס האָט זיך מיט אַ באַזונדערער כוונה געזעגנט מיט מערי דעם אַרטיסטס. לכתחילה האָט זי געוואָלט ביי איר פרעגן צי איר אַרטיסט זאָל נעכטיקן ביי זיי. אָבער זי האָט זיך געשעמט. זי האָט אויך געוואוסט, אַז איר קליינער, קילעכיקער מאַן, וועלכער האָט נישט באַזונדערס ליב דעם אויסגעדאַרטן אַרטיסט, וועט עס נישט „גלייכן”. ער איז דאָך אַזוי איפּערזיכטיק, „פור טינג”.

זי איז אפילו נישט זיכער צי מערין אַליין וועט די „אידיאַ” געפעלן; ווען זי איז „אויסגעגאַנגען” מיט לולו פלעגט זי מיט דער לעבעדיקער מערי (לולס שוועסטער) האָבן אויסצוהערן אפטמאל אַ סך „אמתן פאַן”: קאַקעטירן מיט ענגלישע בלאָנדע באָיעס, גיין טאַנצן . . .

האָבן זיי דערפאַר אַליין, איינער צו דער צווייטער, קיין צו גרויסן צוטרוי נישט „אין די זאַכן”.

האָט זי זיך דערפאַר אויך באַזונדערס האַרציק געזעגנט מיט דער צווייטער מערי, וועלכע איז געבליבן מיט די ברידער דאָ שבעה זיצן און מוז, מסתמא, זאָרגן נישט קיין קליין ביסל פאַר איר מאַן דעם אַרטיסט, וועלכער וועט בלייבן אַליין אַ גאַנצע וואָך.

— „גוד נייט, דאַרלינג!” — און מיט איר שרעקלעכן ידיש האָט זי צוגעגעבן עפּעס קאָמיש: „שווישן צער”.

אַזוי זענען זיי זיך ביסלעכווייז צעגאַנגען און ר' שמחה האָט „די קינדער” ענדלעך געקענט שבעה „באַזעצן”. ס'איז געווען זיין פּלאַן, נאַטירלעך, זיי זאָלן אַלע זיצן שבעה אינאיינעם אין דעם הויז, וואו דער פאָטער האָט זיי דערצויגן און געמאַכט פאַר מענטשן.

— וואָס דאַרפט איר זיך יעדער באַזונדער זיצן שבעה, ווער אין בריטאָן, ווער אין גאָלדערס גרין, ווער אין קריקלוואוד, אין העמסטעד און ווער ווייסט נאָך וואו; צעזייט און צעשפּרייט ווי די ידן אין גלות; אַלע אין דער פרי און פאַרנאַכט שלעפּן זיך ערגעץ צו אַ שול זאָגן קדיש! אמיין, וועט איר זיצן אַלע אינאיינעם, האָבן אַן אייגענעם מנין — אַן אייגענער מנין פון אייגענע זין. אוי־וואַ, קיין גרעסערער כבוד המת קען שוין נישט זיין. ער האָט דאָך שטענדיק געאַרבעט אייך צו האַלטן אינאיינעם.

— נו, מאַ, שלמה, אַ חלום . . .

## א לך-לשלום פאר צבי ארנשטיין

אונזער פריינט און מיטאַרבעטער צבי אַרנשטיין, דער באַקאַנטער העברעאישער פּעדאַגאָג אין לאָנדאָן און אונזער לאַנג יאָריקער קאָלעגע איז עולה־רגל קיין ישראל אויף די ימים טובים. מיר פרייען זיך אַז זיין חלום צו זען ישראל ווערט מקוים. מיר ווינטשן אים אַ צאתכם און בואכם לשלום.

„לשון און לעבן”.

בת שבע מאַסטבוים

## זייפן־בלאָזן

פון די ווייטע קינדער יאָרן
געדענק איך אַלץ ווי דאַן געַנוי,
ווי איך פלעג מיר מאַכן בלעזלעך
פון אַ שטיקל זייף און שטרוי.

האָב איך מיר אַזוי געבלאָזן
ביז עס איז געוואַקסן גרויס,
נאָר גאָר פלוצלינג און אָן וואָרנונג
פּלאַצט דער בלאָז אינגאַנצן אויס.

בלאָז איך ווייטער — ווייטער, ווייטער,
פליהען בלעזלעך דאָרט און דאָ,
קליינע, גרויסע, ריינע בלעזלעך
פליען נאָר איך ווייס נישט וווּ.

נאָר זיי פליען און זייער פּלאַצן
טוט מיר באַנג און טוט מיר וויי.
בלאָהע, גרינע, גאָלדנע בלעזלעך
ווי איך וואָלט געווען אין זיי.

און איך ווייס דער רעגנבויגן
גיט זיי קראַפט. גלאַנץ און פאַרב
נאָר מיט יעדן בלעזל־פּלאַצן
לעב איך אָפּ מיט זיי און שטאַרב.

יואל מאַסטבוים

## בת שבע

בת שבע מאַסטבוים איז נישט דאָס קינד פון אונזער צייט. זי איז געקומען מיט קנאַפּע פערציק יאָר צו דער יידישער ליריק נאָך אין די צייטן פון י. ל. פרץ און דוד פרישמאַן און זיי ביידע האָבן זיך ענטציקט מיט איר שטאַרקן לירישן טאָן וואָס האָט נאָך זיך געזוכט אַ פאָרם. „דער ווײַן ביי איך איז אַ סך מער ווי די פאַס איז גרויס" פלעגט זאָגן דוד פרישמאַן צו בת שבע'ן, וואָס האָט דאַן אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע ביכל אירס וואָס עס האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. איבערהויפּט האָט הלל צייטלין זיך באַגייסטערט מיט בת שבע'ן זעענדיק אין איר אַ גרויסן דיכטערישן טאַלאַנט. מיטן אַריבערפאָרן פון מיינע עלטערן קיין לאָנדאָן איז געשען אַ גרויסער פּסיכאָלאָגישער איבערברוך אין מיין משפחה וואָס עס האָט אויך משפּיע געווען אויף בת־שבע'ן

דרייסיק יאָר האָט זיך די שטאָלצע דיכטערין נישט באַוויזן אויפן האָריזאָנט פון שאַפן. איז גוט וואָס איך בין געקומען און אויסגעפונען פערלדיקע זאַכן פון איר שאַפן.

לאָנדאָן, דעם 23־טן אויגוסט, 1950.



י. ביעטש

## נישט געהאַלטן וואָרט

האָרט ביי אַ זאַמדיקן באַרג, אונטן אַראָפּ אין טאָל, געפינט זיך דאָס דאָרף בעלין, וועלכעס איז אַן ערך פון זעקס וויאָרסט פונם שטעטל „ר", אין פּוילן. אַ שמאָלער פאַס וואַסער, באַוואַקסן פון ביידע זייטן ברעגעס מיט ווילדע שאַרפע גראָזן, פליסט פאַמעלעך צופוסנס פון אַ געדיכטן סאָסנאָווענעם וואַלד, דורכשניידנדיק אין זיג־זאַגן די זומפּיקע לאָנקעס, וועלכע שפּרייטן זיך לענג אויס הינטערן דאָרף; קושענדיק ביידע ברעגעס צוזאַמען, פאַלט זי מורמלדיק אַריין אין דעם טייך „די ראַווקע" וואָס קרייזט אין אַ פאָרם פון אַ דרייעק אַרום דעם שטעטל; גלייכט זיך אויס ביי דער בריק פון דער יידישער שטאָט און ציט זיך העט ווייט אַוועק.

ביי די איינוווינער פון דעם דאָזיקן דאָרף איז געווען אַן אַלטע טראַדיציע, אַ מינהג־מקובל, אַז אינם סוף חודש אדר, בעת דאָס אייז לאָזט אין דער שמאָלער פאַס וואַסער לויפט אַריבער די ברעגעס, מיטרייסנדיק דאָס איינציקע האָלצערנע בריקל, וועלכעס פאַרבינדט דאָס דאָרף מיט דער שטאָט, אַז אַלע־מאָל אין דער צייט מוז דאָס וואַסער און די זומפּן האָבן אַ קרבן, אַ מענטש, אַ חיה, אַלצאיינס. זיי זענען געווען איינגעגלייבט, אַז אין די נעכט פון דעם חודש, זיצט דער טייוול אויף דעם איינגעשלאָפענעם טורם ביים קלויסטער, ווי אַ בייזער רוח, מיט הערנער ווי ביי אַ קוה און ציט דעם איינציקן גלאָק, אַרויסרופנדיק אַלע שרעקנדע און פינצטערע כוחות.

אַ געהיימע שרעק איז אויף זיי אָנגעפאַלן אין די דאָזיקע נעכט; ס'פלעגט זיך זיי דוכטן, אַז פונם פלוצלעכן אויפגעטרייסלטן וואַלד, הערן זיך פאַרשטיקטע קולות, וועלכע טראָגן זיך מיט אַ ווילדן געפייף אַרום איבערן דאָרף. די נאָדל בוימער ציטערן מורא'דיק אויף און יעדע ווינטל שפּרינגט פון וואַלד אַרויס עפּעס אַ משונה'דיקער שוואַרצער פויגל, גיט אַ שאָס ערגעץ אַוועק מיט אַ גרילצנדיקן קוויטש און ווערט נעלם. די פערד אין די שטאַלן ווערן אומרואיק, הירזשן, בריקן מיט זייערע הינטערשטע פיס, ווי זיי וואָלטן פאַר עפּעס שרעקליכעס זיך דערשראָקן. די לופט ווערט פול מיט היילנדיקן חיה'שן געוואָי, און די דאָרפס הינט הייבן מוראדיק אָן צו בילן, רייסן זיך פון די קייטן אָפּענטפערנדיק זייערע ווילדע ברידער אין וואַלד.

הגם אין פאַלן פון סכנה באַווייזן די פויערים אויסערגעוויינלעכע גבורה, אָבער אין דעם גלויבן וועגן שדים און בייזע רוחות, זיינען זיי געווען געניגט צו פלוצלעכע און געהיימע שרעק, אַ שוואַכקייט, וועלכע האָט באַזונדערס געווירקט אויף זייער געמיט. די טראַדיציע, וועלכע איז איבערגעגאַנגען פון פריערדיקע דורות, האָט אין פאַרלויף פון לאַנגע יאָרן זיך שטאַרק איינגעוועבט אין זייער געדאַנק. אַלע, נישט דווקא די אַלטע איינוווינער, אַפילו די יונגערע, פלעגן אויס אַלטע געוווינהייט אין די נעכט, ווען דאָס אייז האָט אָנגעהויבן פּלאַצן, קניען פאַר די הייליקע בילדער, צלמ'ן זיך און פּאַציערזש געזאָגט. וואָרטנדיק אומגעדולדיק אויף דעם ערשטן קריי פונם האָן, אויף

דעם ערשטן שטריף ליכט, וועלכעס איז בכוח צו פארטרייבן די עולם־התוהו געשפענצטער.

דאס דארף בעלין איז באשטאנען פון אַ צענדליק קליינע הייזלעך, באַדעקט מיט שטרויענע דעכער, וועלכע טוליען זיך איינס צום אנדערן, אויס מורא פאר דער פינצטערניש פונם געדיכטן וואלד. די דאָזיקע הייזלעך זענען געווען באוווינט פון געזונטע אַנגעהאָרעוועטע גוים, ברייט־ביניקע און פעסט געבויטע פויערים. צווישן זיי געפינט זיך דער איין איינציקער ייד בערל. די דאָרפס גוים רופן אים נאש בערעק, האלטן מיט אים וכוחים וועגן גאָט זאכן און פארזיכערן, אז אים, בערעקן, וועט קיינמאָל קיין שלעכטס געשען. די ווייבלעך אינם שטעטל רופן אים דער קעזל ייד, מחמת צוויי טעמים. ראשית זיינען זיינע קעזלעך די געשמאקסטע, ושנית מאכט זיין האלב גרוי בערדל דעם איינדרוק, ווי אַ קעזל, ביים שפיץ געלבלעך און וואָס ווייטער ארויף אלץ מאסיווער און ווייסער.

ווי אזוי קומט דאָ אהער דער ייד בערעק, דאָס איז אן אומבאוווסטע זאך, אָבער אז ער וווינט דאָ אין דעם קליינעם איינגעבויגענעם הייזל, אין שכנות מיט יוזעף דעם דאָרפס סטעלמאך פון לאנגע יאָרן, דאָס איז אַ פאקט. זיין פאָטער ווי אויך זיין זיידע האָבן דאָ געוווינט, זיין גאנצע משפחה זיינען געווען דאָרפס מענטשן, פאכטערס פון פריצישע גיטער, וואלד־יידן און פערד־סוחרים.

ניט בחינם פלעגט בערל ביי יעדער שקצישער זאך, וואָס די זין האָבן אָפּגעטאָן, פארוואָרפן זיין ווייב מרים, אַ פליישיק צעוואקסענע יידענע, וועלכע קינדלט פון צייט צו צייט, אז אירע זינדלעך זענען אינגאנצן געראָטן אין איר זיידן ר' מענדעלע דעם פערד הענדלער. ע״ה, וועלכער איז נישט געווען קיין איבעריקער חכם. און אז זיי האָבן פויערישע קעפּ און האָבן בכלל קיין פיצל יידישקייט אין זיך. אזא טבע האָט ער געהאט, ספעציעל ווען ער איז געוואָרן אין כעס, מחמת דעם וואָס זיי זענען תמיד פארנומען מיט גוי׳אישע זאכן.

אממיינסטן פלעגט בערל ארויס פון די כלים, וואָס זיי רייצן דעם שווארצן אגער, וועלכן ער האָט אויפן יאַר־מארק אין שטעטל געקויפט ביי אַ ציגיינער. דאָס איז געווען אַ שוואַרץ פלינק פערד, וואָס מריב האָט אים געקרוינט מיטן נאָמען דער טאנצנדיקער וויטעק, צוליב דעם וואָס דאָס פערד איז נישט געגאנגען, אלא געטאנצט, געשפרונגען, און געבריקעט מיט די הינטערשטע פיס, בשעת שפאנען אים אין וואָגן. וויסנדיק איר מאנס שוואַכקייט פאר שיינע ראסאווע פערד, פלעגט זי נישט איינמאָל מיט מורא זיך באקלאָגן, אז דאָס הארץ זאָגט איר אָן עפעס נישט קיין גוטס. צוקוקנדיק זיך צו דעם געקלאַפּער און געשרייען, בעת אים שפאנען פלעגט זי מיט אַ זיפץ זאָגן, ס׳זאָל חלילה קיין אומגליק נישט געשען.

מיט די שכנים האָט בערל, אָדער בערעק, ווי זיי רופן אים, געלעבט גאנץ בשלום. זיי האָבן שוין געהאט זייערע בשותפותדיקע אינטערעסן, ווי פיש כאפן, פאשן די פערד, האָלץ פונם וואלד פירן. באלד איבערגיין צו די



וכוחים וועגן גאָט זאכן. דערביי אים אויפמערקזאַם מאכן וועגן דער נייעס, וואָס מען טרייבט ארויס די יידן פון די דערפער. דיך בערעק, פלעגן די גוים זאָגן, וועט מען נישט טרייבן, דו ביזט דאָך איינער פון אונז.

אָפטע שמועסן אזעלכע פלעגן זיי האָבן ספעציעל אין די זומער פארנאכטן, זיצנדיק אויף די שוועלן פאר זייערע הייזלעך, און איבערדערציילן צום הונדערטסטן מאָל די זעלבע מעשהלעך, וועגן שדים, בייזע רוחות, לצים, וועלכע פארפירן, וואסער־מענטשן, וכדומה; אָדער, ווען ס׳באדראָט דעם דארף אַ געפאר, למשל, ווען דאָס אייז פון די שווערע ווינטערס פלאצט און ס׳ווערט אַ גרויס געוויסער, וואָס פארפלייצט דעם גאנצן ברעג אזש ביז די הייזלעך, מיט שלעפן מיט זיך פארקאנעס, שטיקער שטוב זאכן, בהמות, טיילמאָל אויך אַ מענטש, העלפן זיך די שכנים איינער דעם צווייטן.

און בערל, דער ייד, אונטערשיידט זיך, כמעט מיט גאָרנישט, אינם טאָגטעגלעכן לעבן פון זיינע מיטוווינער אינם דאָרף. מרים זיין ווייב ארבעט אין שטוב, אינם גאָרטן, פירט די בעל־הביתישקייט. די אונטערגעוואקסענע מיידלעך מעלקן די קי און פאשן די ציג. די זין, זיינען צוגלייך מיט די פויערישע שקצים, טאָג און נאכט געווען אין פעלד, געשפילט אויף מויל־אָרגאנקעס און שטיפן מיט די שיקסעס. נישט איינמאָל פלעגט בערל ארויס פון געדולד צוליב דעם און ווי תמיד דעם גאנצן כעס אויסלאָזן צום ווייב וועלכע האָט אויף אַ לענגערע צייט געשטערט דעם שלום בית.

אָבער אז ס׳איז געקומען דער ליבער פרייטאָג־צו־נאכטס, ספעציעל זומער, טיר און פענצטער זיינען אָפן, די לעצטע שטראלן פון דער זון פאלן פארשעמטערהייט נישט ווייט פונם שטיבל, דאָס טאנצנדיקע פערד, צוגעבונדן ביי אַ פוס אויף אַ לאנגען שטריק צו אַ פיענעק פון אַן אָפּגעהאקטן בוים הארט ביי דער לאָנקע, די גוים ליגן אויסגעצויגן נאָכן נאכט עסן און קוקן זיך צו ווי נאָך אַ טאָג זעגענט זיך מיט דער וועלט און לאָזט ווידער דער נאכט מיט אירע סודות פריי געוועלטיקן צווישן הימל און ערד, דעמאָלט זעט זיך פון בערלס הייזל, די פיר מעשענע לייכטער מיט ליכט, וואָס ברענען שטיל און הייליק אין דער טונקעלער נאכט אריין. ביים טיש זיצט בערל רחבותדיק, עסט די פרישע ווייסע חלה, מיט די פיש, וואָס ער אליין האָט ערשט היינט בייטאָג געכאפט און פילט בשעת מעשה, דעם אמתן טעם גן־עדן. צופרידן מיט זיך, מיט זיין גורל, ברומט ער אונטער דער נאָז עפעס אַ זמירות ניגון.

שטיל איז דאן ארום. אַ זומערדיק מילד ווינטל שארט זיך איבער די שפיצן פון די נאָדל ביימער אינם אלטן וואלד, וועלכער שטייט אזוי מסתמא פון ששת ימי בראשית, הארט ביי די גרינע לאָנקעס, וואָס מאכט פון דער ווייטנס דעם איינדרוק, ווי ארומגענומען מיט אַ ברייטן גרינעם גארטל; וויגנדיק זיך אין אַ שטילן גערויש צום טאקט פון זיין זמירות ניגון. ס׳דאכט זיך אויס, אז דאָס האלט דער וואלד מיט אים שבת. בערל טראכט בשעת מעשה, ווי גוט עס איז צו האָבן אזא טרייע זאך ווי שבת. ביים בענטשן דערגרייכט ער קוים ביז „ואכלת ושבעת“ און דרימלט תמיד איין ביים טיש.

מיט די יידן אינם שטעטל האָט בערל געהאַט גאַנץ ווייניק עסקים. אויסער די פרומע זאַכן, וואָס געהערן זיך אָן מיט גאָט, האָט ער קיין שייכות נישט געהאַט מיט זיי. אַ פּראָסטער מענטש געווען. אָבער ווי נאָר דער חודש אלול האָט זיך אָנגעהויבן, כאַפּט זיך אַריין אין זיין האַרץ אַ קהלת שטימונג. די טעג ווערן אַלץ קירצער און קירצער, ביי יעדן ייד גייט אַ ציטער דורך דער נשמה און אַלע האָבן בלויז איין זאָרג אין האַרצן און ציטערן...

גרייט זיך שוין בערל מיט ווייב און קינדער אויף די ימים־נוראים צו פאָרן אינם שטעטל. אַ מנהג, וואָס ער האָט בלב־ונפש געהאַלטן, פונקט אַזוי ווי זיין פאָטער און פריער זיין זיידע האָבן זיך נוהג געווען. אַ ציטער גייט דורך זיין נשמה מיט יעדן שפאַן, וואָס נענטער ער קומט צו צום שטעטל. ער האָט זיך ווענן עפּעס פאַרטראַכט און פלוצים אויף זיין גראָב פאַרהאַרטעוועטן יידיש צו זיך געזאָגט: אַלץ איינס! סיי ווי סיי וועל איך האָבן דעם גהינום... זאָל כאַטש איינמאָל אין יאָר, דאָס ביסל יידישקייט רייניקן די דאָרפישע „סקאַרע"... בשעת מעשה געוואָרפן אַ שאַרפן בליק אויף זיינע זין: משטיינס געזאָגט, וואָס ווייסן זיי וועגן יידישקייט.... האָט ער מיט אַ טרויעריקן פּנים זיך געוואָנדן צו זיין ווייב מרים, אַז פון אבות אבותנו געלעבט צווישן נישט יידן, וואָס זאָלן זיי וויסן.

אַן אויסנאַם איז געווען הערשל, אַ דרייצן־יאָריק יינגל, מיט אַן איידל בלאַס פּנים, פאַרטיפטע שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן פאַרחלומט געבליקט אויף גאָטס שיינע וועלט. נאָך פון קינדווייז אָן האָט ער זיך אונטערגעשיידט פון זיינע ברידער, הן אין לערנען ביים מלמד, וואָס בערל האָט אין דאָרף געהאַלטן פאַר זיינע קינדער און הן אין זיין אויפפירונג. מען האָט באַלד געקענט זען, אַז ער וואַקסט גאָר אַן אַנדערער. בערל האָט אים געשיקט אינם שטעטל „ר" צו הערשל דעם גמרא מלמד, ווו ער האָט געלערנט איניקע יאָר מיט התמדה. די עלטערן האָבן דערוואַרט פון אים צו האָבן גרויס נחת; אַ קליינינקייט אַ זון אַ וויל לערנער. זייער פרייד האָט אָבער מיט איינמאָל זיך אַ וואַקל געטאָן. די סיבה איז געווען, זיין שכנס דעם סטעלמאַכס יינגערע טאָכטער מאַרישאַ, אַ שלאַנק מיידל מיט בלויע אויגן, העל פלאַקסענע האָר ווי עכטע זייד, מיט אַ פאַרפירייש זיס שמייכעלע, פאַר וועלכע די דאָרפס שקצים פלעגן זיך נישט איינמאָל צעווערטלען צוליב איר. אָנגעטאָן תמיד אין אַ העל בלוי קליידל; אַ ווייס בלוזקעלע און אַ פאַרשידנאַרטיק געבלימעלט פאַרטיכל. שטענדיק לעבעדיק און פריילעך, איז זי נאָך פון קליינערהייט אָן געוואָרן די צירונג פון דער קליינער דאָרפס קאָלאָניע.

מאַרישאַ איז תמיד געווען אָן אָפטער גאַסט ביי די בערעקס אין שטוב, כמעט אין איין עלטער געווען מיט הערשלען. קליינערהייט צוזאַמען אין זאַמד געשפּילט, געלאָפן איבער די לאָנקעס און צוזאַמען אין וואַסער זיך געפּלוסקעט. זי איז ביי אים געווען ווי אַן אייגענע שוועסטער און פאַר איר זיך נישט געשעמט.

די צייט אָבער האָט אונבאַמערקט זיך אַ רוק געטאָן. זיי זיינען מיט עט־



לעכע יאָר עלטער געוואָרן. הערשל האָט ביסלעכווייז פאַרלוירן זיין אינערלעכע תמימות און אונשולד. עפּעס אַן אומרואיקייט האָט אויפגעבראַוזט אין זיין גאַנצן לייב. ס'פלעגט אים אָפּט אָנכאַפּן אַ בענקשאַפט ביים האַרץ אַליין נישט וויסן נאָך וואָס. ער האָט ביסלאַכווייז פאַרלוירן דעם חשק צום לערנען. זיין פּנים איז געוואָרן בלאַסער און די אויגן ווי פאַרצויגן מיט אַ מאַט הייטל. אין אַזעלכע מינוטן פון אינערלעכע עצבות, פלעגט ער אַנשטאָט גיין אין בית המדרש, פאַרקריכן ערגעץ אין אַ זייט ביי דער בריק פון דער יידישער שטאָט, זיך שטאַרק איינקוקן אינם טייך, וועלכער טראָגט אין זיך אַוועק דעם שטראָמיקן פאַס וואַסער ביי וועלכן ער האָט זיינע ערשטע קינדער יאָרן מיט איר אין דאָרף פאַרברענגט. ס'איז אים מיט איינמאָל קלאָר געוואָרן, אַז מאַרישאַ, וועלכע פרעגט זיך תמיד נאָך אויף אים, ווערט אַלץ מער צוגעצויגן צו זיין האַרץ. ער האָט פלוצים דערזען אַז ער שטייט פאַר אַן אָפּגרונד, ווי עס איז שווער איבער אים אַריבערצושפּרינגען. הערשל האָט אַפילו זיך אַליין אָנגעהויבן פאַרטראַכטן: צו וואָס טויג דאָס אים, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? זי איז דאָך נישט קיין יידישע... ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן, פאַרקערט, וואָס מער ער האָט זיך געוואָלט באַפרייען פון זיינע טרויעריקע מחשבות, אַלץ שטאַרקער האָט אים געצויגן צו איר.

הערשל האָט, זינט ער איז געקומען צוריק אין דאָרף אויף אַ גאַנצן זומער, געפילט זיך באַזונדערס אויפגעמונטערט און פריילעך. אָבער עפּעס פלאָנטערט זיך אין זיין געדאַנק, וואָס ר'קען נישט פאַרשטיין. פריער איז ער געווען צו איר אַזוי נאָענט, ממש ווי צו אַן אייגענע שוועסטער און איצט איז אַלץ מיט איינמאָל אַנדערש געוואָרן. עפּעס הייבט ער זיך אָן רויטלען, ווען זי קומט אין שטוב אַריין. ער קען נישט קוקן איר גלייך אין די אויגן און ווי צו להכעיס, מיידט זי אויס מיט אים צו ריידן. ס'איז מערקווירדיק האָט ער נישט ווילנדיק אַ קלער געגעבן. וואָס מער זי ווערט ווייטער פון אים, אַלץ מער זיינען זיינע מחשבות פאַרנומען נאָר וועגן איר... הערשל האָט ביי זיך פעסט באַשלאָסן, אַז ער מוז זיך מיט איר דורכשמועסן. ער מוז דערגיין אירע כוונות, וואָס זעט ביי אים, ווי אַ ווידערשפּרוך אויס. ר'האָט אָבער נישט געוווסט ווי אַזוי קען מען דאָס אָנהויבן צו רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן. אַז אַלץ זעלטענער קומט זי איצט צו זיי אין שטוב אַריין. פאַרוואָס? פאַרוואָס! האָט ער כמעט מיט ווייטאָק, אויסגעשריגן, האַלט זי זיך אַזוי פון דער ווייטנס. ער האָט דערפילט, אַז אַ קאַלטע און שטומע וואַנט שטייט צווישן זיי און שיידט זיי פונאַנדער. אַן אַלטער געדאַנק, וואָס ער האָט געהאַט ווי דערשטיקט אין זיך, האָט ווידער גענומען עגבערן אין קאָפּ: אַוועקצוגיין אויף אייביק פון דעם נאַרישן ענגן לעבן, וואָס די מענטשן האָבן צווישן זיך געשאַפן.

איינמאָל, פאַרנאַכט, איז הערשל געזעסן ביים פענצטער פאַרטיפט אין זיינע טרויעריקע מחשבות. ס'איז פונקט געווען אין דער צייט פון היי שניידן. אויפן הויף און אין דער שטוב שמעקט מיט פריש געשניטן היי. בערל און אַלע זיינען געווען פאַרנומען, ביים אָפּרוימען דאָס היי פון דער לאָנקע. דער

הימל איבערן וואלד האָט זיך צופלאַמט. און אין מיטן דאָרט די זון ווי אַ קופערנער רויט אָנגעגליטער בעקן, וואָס איז פּאַמעלעך איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ שווערן שווארצן וואָלקן. די נאכט האָט, אונבאמערקט, פון ערגעץ ווו אריינגעגנבעט זיך און געהילט אַלץ אין שטוב אין טונקלהייט. ער איז געזעסן אָנגעלענט מיט איין האַנט אויפן פענצטער און מיט אונגעדולד איינגעקוקט זיך אין דער טונקלהייט, וואָס איז צוגעפלאָסן פון אַלע זייטן. אין קאָפּ זיינען געקראָכן פארשידענע מחשבות, מיט איין עיקר געדאנק, אַז אפשר, איז זיין מוטער גערעכט, וואָס זי מוסרט אים תמיד אַז ער איז צופיל פארנומען מיט איר. זי איז דאָך נישט קיין יידישע. פארוואָס זאָל ער דוקא איר ליב האָבן און ניט קיין אנדערע? וואָס איז אין איר אזוינס נישט געווינלעכעס, וואָס זיין נשמה זאָל זיין פארנומען נאָר מיט איר... ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: ווער קען פארשטיין די סודות און געזעצן פון לעבן.

אַ סקריפּ פון דער טיר, וואָס האָט זיך געעפנט, האָט איבערגעריסן דעם שווארצן פאָדים פון זיינע געדאנקען. אין שטוב איז אריינגעקומען מארישא. זי איז געבליבן שטיין ביי דער טיר, ווי זי וואָלט מורא געהאַט נאָענטער צוצוגיין צו אים. מארישא האָט אין דער טונקלהייט אויסגעזען באזונדערס שיין, גראציעז און מונטער. זי האָט, אין דער שטייענדיקער פּאָזע, געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ דערוואַקסענע צייטיקייט. אירע ליכטיקע בלויע אויגן האָבן געקוקט אויף אים אזוי ווייך, אזוי ווארים, אַז ער האָט געפילט, ווי יעדער גליד אירער, יעדער צוג פון איר פּנים האָט ווי גערופן. ער האָט אויף איר געגלאָצט שטום, געקוקט און געשוויגן. דערנאָך... ער ווייס אַליין נישט, ווי אזוי דאָס איז געשען, האָט ער זי געהאַלטן מיט ביידע הענט ארומגענומען ביי דער טאַליע, געקושט אירע באַקן, אירע אויגן.

אַ קוואַל פון עפּעס הייסעס און ליבעס האָט זיך געעפנט ביי אים אין הארץ. ס׳האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז די שטוב, מארישא, אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין געפיל נאָך קיינמאָל ביז אַהער איבערגעלעבטן גליק. זי האָט אים געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זיין צעשפּילטע פאנטאזיע, האָט קוים אויפגעכאַפּט איינציקע אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס זי האָט מיט געבעטענער שעמעוודיקייט געוואָרקעט: הערשקע לאָז אָפּ, ס׳קען נאָך ווער אריינקומען. אָבער דאָס זיינען געווען ווערטער אָן באדייטונג. זי האָט איצט אים געהערט, געווען אין זיין מאַכט.

זינט יענעם אָונט, נאָך דער פּלוצלעכער איבערראַשונג איז הערשל גאָר אַן אַנדערער געוואָרן. אַ פריילעכער און אויפגעמונטערט פאַר נייע דערוואַרטונגען; וואָס מער ער האָט וועגן דעם געטראַכט, אַלץ מער האָט ער געפילט, אַז זי האָט אויף אייביק פארשיכורט זיין נשמה, מיט עפּעס אזוינס, וואָס איז ביז איצט אזוי וויט פון אים געווען. בלויז פון צייט צו צייט פלעגט ער נערוועז שפּאַנען איבער דער שטוב און זיך איבערגעבן אין רשות פון לייכטע פלאַטערדיקע געדאַנקען... אַז עפּעס וואָס אַזוינס פול מיט סוד האָט ווער פארוואָרפן אין זייערע הערצער.



עס איז אוועק דער זומער. אין פארלויף פון דער צייט האָט זיך אויסגעוועבט ביי זיי שיינע חלומות וועגן עפּעס אַ שיינעם, אָבער אומבאַקאַנטן לעבן. אמת, זיי האָבן פאָראויסגעזען אַ סך שטרויכלונגען למשל, וואָס וועלן זיינע עלטערן דערצו זאָגן, זי איז דאָך נישט קיין יידישע. וואָס וועט זיין, אַז יוזעף דער סטעלמאַך וועט זיך דערפון דערוויסן. אַ גוי אַ כעסן, וועלכער האָט געהאָט אַן אויג אויף דעם יונגסטן זון פונם דאָרפס סאַלטיס, דער וועלכער פריידיקט תמיד האַס קעגן יידן. אָבער וואָס מער ער האָט געטראַכט וועגן דעם, אַלץ מיט מער אומגעדולד האָט ער געוואַרט אויף די פארנאַכטן, וואָס איז לויט זייער אָפּגעמאַכטן פּלאַן געווען זיך צו טרעפן אַלעמאָל אויף אַן אַנדער אָרט. מחמת דעם פלעגט הערשל מקלאַמפּערשט נעמען דאָס טאַנצנדיקע פערד יעדן אָונט אויף פּאַשע, מיטן אויסרייד, אַז די דאָרפס פּויערים ברוגזן זיך, ווען זיי דערזען דעם אַגער צווישן זייערע פערד.

טעג זיינען פארגאַנגען נאָך טעג. עס האָט זיך געשטעלט אַ פריער, אָבער אַ שווערער ווינטער. וועגן צוריקפאָרן אינם שטעטל, האָט קיין רייד נישט געקענט זיין. אַז ער איז איינמאָל פאַרטאָג אויפגעשטאַנען האָט ער דערזען ווי דאָס גאַנצע דאָרף איז פארשאָטן מיט שניי. אַ געדריקטע שטימונג האָט זיך אין זיין נשמה אַריינגעכאַפּט; צוליב דעם אָפּגעטוענעם שפּיצל, וואָס מען האָט מארישא אוועקגעשיקט פונם דאָרף. וואָלט ער כאָטש געקענט אין איר פארגעסן; דאָס איז אָבער אונמעגלעך. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטאָן און ווידער גענומען קוקן אויף די פארפרוירענע שויבן, ס׳האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז נישט קיין שניי וואָלט אין שטוב אַריינגעקוקט, אַלא ווייס געהילטע מתים אין ליילעכער האָבן זיך אויפן הויף אויסגעלייגט מיט די רוקנס צום פענצטער. ער האָט זיך געוואונדערט, ווי שנעל דער זומער איז אוועק, דערמאָנענדיק זיך די גליקלעכע אָונטן, וואָס ער האָט אזוי פריילעך מיט איר פארברענגט. צו וואָס און צו ווען? זיך ארומדרייען אויף דער וועלט אַן איבעריקער... האָט ער צו זיך געזאָגט. אַז נאָך יעדן ביסעלע גליק, שלעפּט זיך נאָך אַ גאַנצער פּאַק מיט יסורים פּיין און לייד. ער האָט איצט מער ווי פריער דערפילט דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס שטייט צווישן זיי, וועלכעס שיידט אזוי ברוטאַל זיי פונאַנדער.

דאָס ערגסטע פאַר הערשלען זיינען געווען די נעכט, וועלכע ער איז גאַנץ ווייניק געשלאָפן, קלערנדיק: ווען וועט זי צוריקקומען? און צי זי וועט איבערהויפּט צוריקקומען... די און אַנדערע ענלעכע פראַגן, וועגן איר מיסטעריעזן פארשווינדן פונם דאָרף, האָבן אים געעגבערט אין קאָפּ און קיין מנוחה נישט געגעבן. זיין איינציקע טרייסט אין די מרה שחורהדיקע נעכט, איז געווען דער שוואַרצער אַגער, פאַר וועלכן ער פלעגט אויסגיסן זיין ביטערן ווייטאָג, וועלכער איז איצט געשטאַנען אין שטאַל פארשלאָסן. מחמת די פּויערים האָבן זיך לעצטנס געברוגזט, אַז דער אַגער קאַליעטשעט די אַנדערע פערד. פארגעסנדיק אָבער, אַז דורך דער צייט זיינען אונטערגעוואָקסן אַ גאַנצע ראַסע פון שיינע שפּרינגנדע פערד. וועלכע דאָס דאָרף בעלין האָט ביז

אהער נישט געהאַט און נישט געזען.

אפילו דער אלטער סאלטיס, וועלכער האָט תמיד מיט התפעלות געלויבט מרימס געפילטע פיש, מיט דער פרישער ווייסער חלה, בשעת מעשה פאַרזיכערט, אַז זיי די בערעקס וועט קיין שלעכטס נישט געשען, איז זינט זיין יונגער זון מיכאַלעק, וועלכער איז געקומען פון שטאָט צוריק אינם דאָרף, און זיך געשדכנט צום סטעלמאכס טאָכטער מארישא, געוואָרן גאָר אַן אנדערער. איינמאָל בשעת בערל איז פאַרבייגעפאָרן דעם סאלטיס הייזל, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און פאַרפירט אַ לענגערן שמועס... ראשית וועגן פאַן יעזוס, און די יידעלעך! פלוצלינג מיט עפּעס אַ באהאלטענע כונה צו אים געזאָגט: דו ווייסט בערעק ס׳איז נישט גוט אויף דער וועלט. פויערים בונטעווען זיך, טרייבן ארויס די יידן פון די דערפער, נישט גוט. דו בערעק האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, ביי מיר אין דאָרף וועט צו אזעלכע זאכן נישט קומען. איך וועל זיי ווייזן די כאמולעס. צום סוף אים געראָטן צו פאַרקויפן דאָס פערד, וואָס איז קיין איין מינוט נישט געשטאַנען רואיק. ביי בערלן אין הארץ האָט עפּעס אַ טיאַבקע געטאָן, ער האָט דערפילט אין די צוויידייטיקע אָנצוהערענישן אַ באהאלטענעם רמז אויף שלעכטע בשורות.

זינט דעם דעמאָלטדיקן שמועס האָט בערל דאָס פערד מער נישט אַרויסגעלאָזט פון שטאַל; אים געהאלטן מיט דעם איינציקן געדאנק, אים צו פאַרקויפן אויף דעם גרויסן יריד, וואָס פאַלט תמיד אויס אין זומער. אָבער עס איז סיי ווי נישט געווען באַשערט נאָך אַ זומער, אויף וועלכן סיי בערל, סיי הערשל, האָבן מיט אַזוי פיל מורא און אומגעדולד געוואַרט.

געשען איז דאָס אומגליק, טאַקע אינם סוף חודש אדר אינם יאָר 1904, ווען דאָס אײַז אינם שמאָלן פאַס וואַסער האָט אָנגעהויבן פּלאַצן. בערל איז פונקט דעמאָלט געווען אינם שטעטל „ר״, צוליב צוויי טעמים: ראשית, ווי זיין שטייגער איז תמיד געווען, וואָס פריער צו באַזאָרגן זיך מיט מצה אויף פסח, גלייכצייטיק אויך זען וועגן עפּעס אַ תכלית פאַר הערשלען. אָבער מיינסטנס, מחמת דעם מורמלען פון די פויערים וועגן דער מעשה מיטן פאַרליבעניש, האָט בערל געוואָלט וואָס גיכער אים אַוועקשיקן פונם דאָרף.

די נאכט, ווען דאָס אומגליק איז געשען, איז געווען אַ קאַלטע. אַ טיפע פינסטערניש האָט די לאָנקעס, דעם טייך, צענויפגעגאָסן אין איין שטיק טיפע שוואַרצקייט. אַ שאַרפער ווינט האָט מיט אַ באַזונדער פייפן זיך געטראָגן איבערן דאָרף, געריסן די פענצטער און טירן פון די קליינע הייזלעך. הערשל האָט מיט אַ באַזונדערן אומעט צוגעהערט זיך צו דעם מוראדיקן געיאָמער פונם ווינט. פאַרטיפט אין זיינע מחשבות, וועגן זאכן, וואָס האָבן זיך אים אַזוי ווונדערלעך איבערגעמישט און געפּלאָנטערט אין זיין געדאנק, האָט ער אַלעמאָל געכאַפּט אַ בליק אין דרויסן אין דער טיפער שוואַרצער נאכט אריין, וועלכע איז אַזוי פול מיט סוד, אַז עס איז אַ שרעק פאַר דעם... ס׳האָט זיך אים געדוכט אַז עמיצער שפּרייזט תמיד הינטער אים, כסדר שעפּטשעט אים אין אויער אַז קיינער, קיינער וועט אים שוין נישט זיין נאָענט אויף דער וועלט.



דאָס פערד, וועלכעס איז דעם גאַנצן ווינטער געווען פאַרשפּאַרט אין שטאַל און שטאַרק געבענקט נאָך זיינע זיווגים, איז פלוצלינג, ווי דורך עפּעס אַ כישוף ארויס פון שטאַל און מיט אַ ווילדן הירזשען זיך געלאָזט צו די לאָנקעס. עס איז דורכגעלאָפן דעם דאָרף איינמאָל, אַ צווייטן, נעבן פאַרקן אין הויף זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קלאַפּן מיט די הינטערשטע פיס; נאָכדעם זיך אַוועקגעלאָזט אויף יענער זייט בריקל, צו די ברייטע און טיפע לאָנקעס.

דאָס ווילדע הירזשען פונם פערד האָט אינם באַטויבנדן ווינט זיך אַוועקגעטראָגן טיף אין וואַלד אַריין, און אויסגעמישט זיך מיטן חיהשן געוואָי. הערשל האָט מיט אַמאָל באַגריפן די סכנה אין וועלכן דאָס פערד געפינט זיך אין דער צייט פונם סור. הערשל איז מיט אַ פאַרצווייפלטן אימפּעט, זיך אַ לאָז געטאָן צום בריקל, אליין גענומען הירזשען פונקט אַזוי ווי דאָס פערד, רופן אים. אָבער צו זיין גרויסן ווייטאָק, ווען ער איז אין דער קאַלטער פינצטערניש, פון דער דאָזיקער נאכט, צוגעקומען צו דעם אָרט, פון וואַנען ס׳האָט זיך געהערט דאָס סאָפּן פון אַ שווערן געראַנגל, איז שוין דער אגער אין איינעם פון די זומפּן געווען טיף געזונקען.

די גאַנצע נאכט האָט הערשל געאַרבעט און געשלעפּט דאָס פערד אויף אַרויס. די גליענדע ווילדע שוואַרצע אויגן פונם פערד האָבן מיט אַ בעטנדיקן אומעט זיך באַגעגנט מיט זיינע אויגן, וועלכע זיינען פונקט אַזוי ווילד געוואָרן. זיינע געשרייען נאָך הילף זיינען אין דעם שאַרפן ווינט, ערגעץ ווייט פאַרלוירן געגאַנגען. אָן אָפּגעמאַטערטער איז ער געבליבן שטיין אינם זומפּ, האַלטנדיק דעם פערדס האַלדז פעסט אין זיינע הענט.

צומאָרגנס האָבן די פאַסטוכער טרייבנדיק די בהמות אויף פּאַשע, אַ האַלב טויטן הערשלען געפונען הענגען אויפן פאַרשטיקטן פערדס האַלדז. מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער איז ער געשטאָרבן, מיט די פיבערדיקע ווערטער אויף זיינע ליפּן: זיי וועלן צוריקקומען... זי מוז צוריקקומען... וווהין זיינען זיי נעלם געוואָרן...

פון דעמאָלט אָן איז געוואָרן אַן איבערקערעניש אין בערלס שטוב. די שכנים פונם דאָרף זיינען פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט געקומען זיי טרייסטן, און בעת מעשה דערציילט פון ענלעכע אַזעלכע טרעפעניש. „נו, יאָ״, האָבן זיי געזאָגט, „איר ווייסט דאָך, אַז יעדעס יאָר מוז דאָס וואַסער, און די זומפּן דערנעבן האָבן אַ קרבן, נו, איז היי יאָר אויסגעפאַלן דער גורל אויף אייך. עס טוט טאַקע וויי, אָבער וואָס קען מען טאָן, אויף גאָטס מעשים טאָר מען זיך נישט באַקלאָגן״.

בערל מיטן ווייב האָבן אויסגעהערט די טרייסט ווערטער און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ. ער האָט נאָך אין דער שטיל, צוגעגעבן פאַר זיך דעם פסוק, ה׳ נתן וה׳ לקח״. נאָך דער שבעה האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבייט, ר׳איז געווען זיכער אַז ער איז שוין זיינס איבערגעקומען, ר׳האָט דאָך שוין אָפּגעגעבן זיין קרבן, און זיך אָנגעהויבן ביסלעכווייז צו באַרואיקן. ס׳איז אָבער אַן אַלטע באַקאַנט זאַך: אַ צרה, אַז זי קומט — קומט זי נישט איינע אליין, אלא

פעקלעכווייז.

עס איז שוין געווען אַ שטיק אין אלול אריין, ווען בערל האָט איינמאָל, אין אַ פרימאָרגן געקראָגן אַ פּאַפּיר, אַז ער מיט ווייב און קינדער מוזן פאַר־לאָזן דאָס דאָרף. אים געגעבן איניקע טעג צו דערלידיקן אלע זיינע ענינים. בערל האָט פלוצים דערפילט די גאנצע ביטערקייט. וואָס ס'האָט זיך אין פארלויף פון דעם יאָר אין זיין הארץ אָנגעקליבן. די גאנצע שרעק פון זיין איצטיקער לאגע איז אים מיט איינמאָל קלאָר געוואָרן, און זיך געפרעגט ווו־הין? מיט טרערן אין די אויגן, געוואָרפן אַ בליק אין יעדן ווינקל פון זיין שטיבל, ווו ער האָט אלע זיינע יאָרן געוווינט.

דער סאלטיס, וועלכער איז געשטאַנען ביים פארקויף פון בערלס לעצטע בהימה, האָט אונטערגעשמייכלט, געזאָגט מבינות, אנטציקט זיך עלהיי אַ ספעקטאַקל!... עפּעס גאָרנישט דער זעלביקער וואָס אמאָל, בשעת ער פלעגט לויבן מרימס געפילטע פיש, פארזיכערנדיק זיי, אַז ביי אים אין דאָרף וועט מען קיין מאָל קיין ייד נישט ארויסטרייבן, אַ פּשיטה אים בערעקן.

אַ מידער, אַ צוקנייטשטער, פון די לעצטע איבערלעבונגען, האָט בערל צוגעפירט צום וואָגן זיין אלטן פערד, דעם ווייסן שימל, וועלכן ער האָט גאנץ ווייניק אין די לעצטע צייט באנוצט. בערל האָט אים אַ לייכט שמיצל געגעבן: אָט אַזוי איז דאָס ברודערל, ווי קרעציקע ארויסגעטריבן, מיך, דיך און אונז אלעמען, די צעבראָכענע... אָבער ניט דעם שטארקן אגער, הערשלען... שטיל אונטערברומענדיק דערביי די ווערטער מיט אַ טיפן זיפץ „מי לחיים, ומי למות"... ער האָט זיך פארטראַכט, און צו זיך געזאָגט: קיין שום זאַך אין דער וועלט, פירט זיך נישט סתם אַזוי, ווער קען פארשטיין גאָטס דרכים.

בערל האָט ווידער אַ שמיצל געגעבן דעם שימל, דאָס פערד האָט אַ שטארקן צי געגעבן דעם געפּאַקטן וואָגן, אונטערשטופּנדיק דעם שווערן וואָגן, האָט בערל געוואָרפן אַ שטאָלצן, אָבער פאַראַכטנדן בליק אויפן סאלטיס, וועלכער האָט נאָך אַלע זיינע הבטחות צו אים, דאָך נישט געהאַלטן וואָרט.

---

## יִיוואָ האָט איצט באַקומען אַ ווערטפולן טעריטאָריאַליסטישן אַרכיוו

תנחום בער הערוואָלד, אַ געבוירענער אין בירזש, ליטע, נאָר שוין זעכציק יאָר אַ תושב אין ענגלאַנד, איינער פון די עלטסטע און אַקטיווסטע טוערס פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג ביי יידן, איז היי־יאָריקן זומער געווען אַ גאַסט פון ייוואָ אין אַמעריקע. פּ' הערוואָלד האָט איבערגעגעבן דעם ייוואָ זיין רייכע און זעלטענע קאָלעקציע צו דער געשיכטע פון דער יידישער טערי־טאָריאַליסטישער אָרגאַניזאַציע יִיט"אָ און שפּעטערדיקע אָרגאַניזאַציעס פון דער ריכטונג. די אַלע מאַטעריאַלן וועלן בלייבן אין די זאַמלונגען פון ייוואָ אַ געשלאָסענער איינס און וועלן טראָגן דעם נאָמען: „ת. ב. הערוואָלד־קאָלעק־ציע פון ייוואָ צו דער געשיכטע פון דער טעריטאָריאַליסטישער באַוועגונג".



א. נ. שטענצל

## מיין מאַמעס שנירלעך פּערל
(פאַר יוליע)

מיין מאַמעס זיבן שנירעלעך פּערל — —
יעדע אָפּגעציילטע פּערל אויף שנירל,
פון איר תחינה אַן אויפגעצויגן טרערל.

שבת פרי פון אונזער הויפל דאָס טירל,
שטיל אַן עפן אויף עס האָט זיך געגעבן,
אין גאנצן ארום קיין שאָרך נישט, קיין רירל.

אַ גרעזל אַ הויב עס זאָל זיך דאָס געבן:
די ערשטע ס'איז מאַמע אין שול געגאַנגען,
טריט ביי טריטל מיט סדור איך דערנעבן.

ר'איז נאָך דאָ דער שריט אין מיינע גע־זאַנגען!
אָבער פון תחינה ס'פערלמוטנע טרערל?
אפשר ארום שכינה־האַלדז אויפגעהאַנגען,

האָט גאָט מיין מוטערס זיבן שנירלעך פּערל.

## די באָבעס בראָש
(דעם הייליקן אָנדענק פון מיין שוועסטער)

ווען עס האָט די באָבע איר ברוסט־טיכל
אין אַ שטערן־טיכל זיך אויפגעניית,
איר צירונג צווישן איניקלעך פאַרטיילט:
וואָס ברויך זי נאָך די נאַרישע שמאָכנעס,
זי געהער דאָך שוין צו די אלטע לייט...

אונזער צימעלען האָט זי געגעבן
די באַמבלדיקע אוירינגלעך די צוויי,
אין שול צופירן קומען ס'וועט די צייט;
און פאַר אַ גוט־אויג זי צו באַהיטן,
נאָך צוגעלייגט דעם בראָנזעלעט דאַביי.

די שענסטע איז דאָך צימעלע געווען!
און דער רויטער רובין אין בראָנזעלעט,
ווי וועט ער פּאַסן איר פולן אָרעם,
ווען שבת נאָכן שלאָף מ'גייט אויף „כיבוד",
איר שלאַנקן גאַנג שטיל נאָכקוקן מען וועט.

בלויז די צימעלעך אין אונזער משפחה,
מ׳האָט גאַנצע אוצרות פאַרטיילן געקענט!
האָט באָבע געטיילט קייטעלעך, האַלדז־בענד,
פולע רייפלעך, פינגערלעך — פולע הענט!
און עס האָט גאָרנישט גענומען קיין ענד.

נאָר איין בראָשל זיך איבערגעלאָזן,
איר ערשטע כלה־מתנה געווען!
און נאָך אויף איר אור־אייניקלס חתונה,
אין בראָשל אויף איינגעפאַלענער ברוסט,
ווי אַ כלה האָט באָבע אויסגעזען.

## קרעלן

פון זעקעלע קרעלן, פון פאַרשטיפּטן,
וואָס אין אויבערשטן שופלעדל געלעגן,
פאַר טעכטער, פאַר שנירן, פאַר אייניקלעך
שנירלעך קרעלן אויפציען מיר פלעגן;
נאָך פון דער עלטער־באָבעס ירושה,
איז עס אויבן אין שופלעדל געלעגן.

קליינינקע אָזעלכע, רויזלעך מאַטע,
און גרויסע קיילעכדיקע, בלוטיק רויטע,
און קאַנטיק בלייכע, אויסגעצויגענע,
אַראָפּגעצויגן פון האַלדז פון אַ טויטע,
אויפציען מיר פלעגן אין שבת־צונאַכטן,
אויף יידענע שנירלעך בלוטיק רויטע.

או צעשיטן עס פלעגט זיך אַ שנירל,
און אונטערן טיש זיי צוזאַמענקלויבן,
ווער די בלייכסטע, די קליינסטע געפינען,
אַמייסטן די באָבע דערפאַר פלעגט לויבן.
אונטער אונזער טיש ווי די ים־טויכער,
פלעגן מיר די קרעלן צוזאַמענקלויבן . . .

כלות צו באָבעס קרעל מ׳פלעגט צו קלויבן!
שוואַרץ־גלאַנציקע האָר, שוואַרץ־פלאַמיקע אויגן,
און די ליפּלעך יידענע, צעגלאַנצטע,
צניעותדיק פאַרשנירלט, באַחנט פאַרצויגן;
שוין דעמלט אונטערן טיש זוכנדיק,
געזען כ׳האָב דיינע האָר און דיינע אויגן —
— — — — — — — — — —



צעשיט איז דאָס זעקעלע מיט קרעלן,
די שנירלעך פון טויטע אַראָפּגעצויגן,
ווי אַזוי קרעלן פאַר דיר געפינען,
אַז בלאָס אַזוי און קליין און אויסגעצויגן?
אָבער פלעגט מיך בחנם באָבע לויבן,
ווען אונטער טיש זוכנדיק אויסגעצויגן?

ווי צניעותדיק פאַרצויגן, ווי באַחנט,
ס׳שנירלען זיך אַטלעס־זיידן דיינע ליפּן!
איך וועל געפינען די צעשיטע קרעל,
זיי אויפציען און אין שנירלעך פאַרקניפּן,
איך פיל יעדע געפונענע קרעל שוין,
רויט און קיילעכיק גרויס אויף מיינע ליפּן.

## דער אַמעטיסט־רינג

ער איז אַזוי שיין דער הימל פאַר מיין פענסטער,
נאָך קיינמאָל אַזוי איך האָב אים נישט געזען,
גלייך אַ שטיק פון דיין ענטבלויזטן לייב אַזוי שיין —
וועסט דו אים היינט אויך אַזוי קענען זען?

מיט מיינע בליקן דאָס פיצעלע פון הימל,
איך שנייד אויסעט און שיק עס דיר אַהין,
עס איינצופאַסן אַן אַמעטיסט אין אַ רינג,
ברוינלעך־בלוילעך דורכגליט וויאָלעט־קאַרמאַזין —

וואַרעם צוגעדעקט מיט וואָלקנס איז דער הימל,
אַ חלום וואָלט אים פאַרמאַטערט זעט ער אויס,
נאָר דאָס שטיקעלע ענטבלויזטע, וואָס מען זעט —
גאַנצער זון־אויפגיי שיינט שטיל דערפון אַרויס.

איז דאָס ערשטע טויבן־געקרייז פאַר מיין פענסטער,
ווי קומט עס היינט אַזוי באַגינענדיק פרי?
אין זייערע קרייזן איך פאַס עס טאַקע איין,
און שיק עס דיר אַריבער מיט זייער געפלי.

## אַקוואַמאַרין

(פאַר דיינע וואַקאַציעס)

און ווען דווקא צו מיינע אויג־אַפּלען,
עס פּאַסט דער איינגעפאַסטער אַקוואַמאַרין,
לייג איך זיי אַריין אין גאָלד פון דיינע הענט,

און דורך די שפּאַלטן פון פינגער דיינע,
צעבליצט דער אָרום אין צעבלווילעכטן גרין.

און דאָרטן ביים ים, אַז דו וועסט קוקן אויף אים,
טיפער ווי אין ים וועסט דו קוקן אין מיין האַרץ:
ווי ס׳ברויזט דאָס רוגזהדיק אויף ווילד צעשורגעט,
און ווי שטיל פאַרשוויגן מיט אַמאָל עס ווערט —
אַ פינקלדיק פאַרשטיינערט איינגעפּאַסטער קוואַרץ.

## אַ קריסטאַל

פון מיינע אויגן די טרער געפאַלן אויף דיין האַלדז,
אויף גאָלדענער קייט אונזערער הענגען צו בלייבן,
אַ קלאָר געצויגענער לאַנג געשליפענער קריסטאַל —

פון זאַנפטן פאַלטן צווישן די בריסט טיף אין האַרץ אַריין,
ליכטיק צוצעפינקלען און אין דיין בלוט צערינען,
אונזער גערעכנגל־צאַפּל צווישן זיין און צעפאַל.

און אַז אַ קינד מיינס וועט זייגן מילך פון דיין ברוסט,
זאָל באַמבלען שווער און פינקלען אין זיינע אייגעלעך,
דער קלאָר געצויגענער לאַנג געשליפענער קריסטאַל.

צווישן דער פולער שפע פון דיינע זאַנפטע בריסט,
לעבעדיק צעצאַפּלט מיט הענטלעך און מיט פיסלעך,
פול געזויגענע אייגלעך צעפינקלט מיט טל.

## דאָס גינגאָלדן הערצל

נישט אויף גילדן קייטעלע גינגאָלדן הערצל,
מיין בילדל אינעווייניק אַריינגעקלעבט:
נישט אַ דימענט באַזעצטע ציטער־נאָדל,
פון דיין יעדן אָטעם תאווהדיק אויפשוועבט.

פילסט דו דאָס קלאַפּן פון מיין האַרץ אין דיינע הענט,
גילדן עס העמערט זיך גינגאָלדן געדינט?
עפן עס דאָך אויף, וועסט אינעווייניק דערזען,
דאָס אַריינגעלעבטע בילדל פון אונזער קינד.

## דער געהעמערטער זילבער־רייפן

עס האָט רבי עקיבא די שטאָט ירושלים,
אַ גאָלד־דיאַדעם פאַר זיין ווייב געלאָזט אויסשמידן,
איך וועל כאָטש ס׳געסעלע דאָ — אַ זילבער־רייפן,
אין געשטילטע סודות געשמידט און אין פרידן — —



עס האַמערט אַרום דאָ די שטאָט מיט טויזנט האַמערס,
דאָס פּראַכן פון בלאָז־זאַק צו הערן פון ווייטן,
אויף די הענט, אויף די פיס פון אירע קנעכט און שקלאַפן,
קאָוועט שטאָט אַצינד אייזן געשמידטע קייטן.

דו, מיר וועלן וואַרטן ביז שטיל ס׳וועט ווערן די שטאָט,
ביז לבנה דאָס געסל דאָ וועט דערגרייכן,
און די טונקלע שרעק, וואָס שלייכט שטיל אַרום דיין האַרץ,
וועט מיט לעצט קריכנדיקן שאָטן פאַרבלייכן.

איז לבנה נישט אַן אָפּשיין פון יענעם סאַפיר־שטיין,
וואָס נאָר איין בליק אויף אים און ס׳האַרץ טוט ער היילן?
אין אַזעלכע שרעק נעכט, האַלטנדיק מיך אויף איר שויס,
פלעגט מאַמע פון דעם אידלשטיין מיר דערציילן —

שאַ, שוין ציט זיך דער הימל־פּאַס שמאָל אַרום דיין קאָפּ,
טונקל־געהעמערט אַ טולע־זילבער שטרייפן;
און יענע צעווינקלטע מויער, בלוי צעשאָטנט,
ווי זי פּאַסט דאָס צום ווינקל פון זיינע שלייפן.

ווי בולט עס סטאַרטשעט מיט געשליפענע קאַנטן,
אַ פאַרהילטער סוד וואַלט זיך ווו דאָ באַהאַלטן;
געשפּיצט אויפגעציקט מעסער פון „טויזנט און איין נאַכט״
גראַווירט אַמאַליע־צעגלאַנצט אימה־געשטאַלטן.

מיט יעדן פלינקן דורכלויף פון אַמניבוס הינטן,
בלייכט עס פּיכט אויף מיט טוי באַלאַפּענע אַפּאַלן:
שעמעוודיק לאָזט ס׳געסל די שוואַרץ־אַפּלען אַראָפּ,
ווי אין ווייררויכיקן לאַמפּיאַדן־צעשטראַלן —

ס׳ציילט שטאָט די נאַכט־לעמפּ שוין — פּאַטשערקעס פאַר שלאָפן גיין
און דרימלט כסדר איין אין מיטן ציילן,
פאַלט אַנידער אויף קני און כאַפּט זיך ווידער פלינק אויף,
אויף שפּיץ־פינגער ערגעץ־ווו וויכטיק צו איילן — —

איז אַ שוואַרצע קאַץ דורכגעלאָפן צווישן אונז,
אַ צעפינקלטע מיט אויגן צוויי סאַפירן?
וועסט דו מיך אין טונקל פון נאַכט, איך דיך אין בלענדל פון טאָג,
אָדער גאָר — איינער אין צווייטן זיך פאַרלירן — — — — —

שאַ, די לבנה איז אַצינד הויך איבער דיין קאָפּ,
אין געהעמערטן רייפן פונקט אינדערמיטן,
אַ קעניגן אין דיאַדעם ביסטו אויף מיין שויס,
בלויז דיין ווינקל ליפּ צוקט אַזוי צעליטן —

וואַגן עס די שוואַרץ־צעגלאַנצטע אימה־געשטאַלטן
מיט געצוקטן מעסער דיך איבערצושרעקן?
ווי זילבערן עמאַליע ס׳בלייכן דיינע שלייפן
ווי זיי וואָלטן אַ סוד אין די ווינקלען פאַרשטעקן — — —

עס האָט רבי עקיבא די שטאָט ירושלים,
אַ גאָלד־דיאַדעם פאַר זיין ווייב געלאָזט אויסשמידן,
איך וועל כאָטש ס׳געסל דאָ — אַ זילבער רייפן,
אין געשטילטע סודות געשמידט און אין פרידן.

## אַ ציטער נאָדל

ס׳ציטערט אַ בליק איבער באַוועגטער ברוסט —
אַ ציטער נאָדל אַ דימענטן־באַזעצטע!
טיפער ווי שאַרפסטער שפּיץ ס׳קאָן גיין אַ בליק,
אַרויסגעשפּיצט פון צווישן ווייס באַנעצטע.

בלוטיק צעקרעלט ווי פון אַ נאָדל־שפּיץ,
פון אַ פאַרשטאָכענעם בליק אַ האַרץ קאָן ווערן;
אַ ציטער נאָדל, אַ צעשימערטע,
אַ צעגליטער בליק אין געפינקל פון טרערן.

## רעגנבויגן־רינג

פאַרוואָס פאַסט מען דען אין איידל־שטיינער אין רינגען
און מען ברענגט זיי כלה־מתנות צו די געליבטע?
— טוליענדיק־טליענדיקע, שטיל אויסגעגאַנגענע,
פאַרשטיינערט שוין לייכטן נאָך אַלץ די איידל באַטריבטע —

צווישן די ווייס זייערע פאַרקוועטשטע טרערן,
אונטער דער ערד נאָך טליען זיי פאַרשאָטענע זונען!
רובינען־אָדערן ציען קאָלט פאַרשטיינערט,
ליבע־פאַרשעמטע, בלוטן אויפשווידערדיק גרונען — —

אין אזא איידל־שטיין ס׳שפּיגלט זיך די געליבטע,
אין אַ געאיידלט פאַרשטיין גייט אויף אין אירע אויגן;
כ׳וועט איר האַרץ מיט ליבשאַפט אָנגעפילט מיט גוטסקייט,
פונקט ווי גאָט, ווען געקוקט ער האָט אויפן רעגנבויגן.

און איז נישט דער רעגנבויגן גאָטס רינג אפשר גאָר
אַן אויסגעזעצטער גאַנץ מיט אָפּאַלן, מיט סאַפירן
און ערשט ווען זיין גרויסער דימאַנט, די זון, פאַרדעקט איז,
קאָן מען זען זייערע איידעלע שטילע קאָלירן?



## דער רינג פון סאַטורן

בויערט מען דיר אַן אויער דיך צו פאַרשקלאַפן,
אָדער ציט מען דיר גאָר אַ רינג דורך די ליפּ?
איך פּיל ווי דו אויפשווידערסט, דו ווילסט אויסשרייען — —
אַ, דו ביסט דאָך פון מיינע ריפּן אַ ריפּ.

יאָ, עס געבויערנט זיך טיף אונטער דיין האַרצן
אַ מיידעלע, אַ ייִנגעלע — אַ צווילינג?
פאַר דיין בוירעדיקן פינגער אין מיין האַרץ,
כ׳נעם פון הימל אַראָפּ דעם סאַטורן־רינג.

## דאָס פּלאַטאַנישע קדושין־רינגל
(Scherzo)

אַרום איר פינגער, פעסט־געצילטן,
אַן ערשט ציינדל זיך אויסגעביסן,
געזאָלט זיין איר קדושין־רינגל;
און אַ נאָמען טראָגן עס זאָל נאָך מיר,
אויב געווען עס וואָלט אַ ייִנגל.

איז עס גאָר אַ מיידל געוואָרן,
אַ גרויסע — אויף מיין שויס שוין זיצט זי!
און איר פינגער פול איז מיט רינגלעך —
אויסגעביסן ס׳וואָלטן ציינדלעך זיך,
אַ גאַנצער טוץ ענטווייַנטע ייִנגלעך.

## אויף מאַמעס גאָלדן־קייטל
(אַ זיך־פאַרוויגנדיס)

ווי די מילך פון מיין מאַמען,
וואָס אין מיר איינגעזויגן,
האָט מאַמעס גאָלדענער לייב
געזעטיקט מיינע אויגן.

די מאַמעס ברוסט זייגנדיק,
כ׳בין שוין געווען אַ לייטל!
אַ שמשונדל, געבונדן,
אין גאָלד־געפלאָכטן קייטל.

עס גראַבלען זיך די הענטלעך,
פּלאָנטערן און געפינען —
פון זונען־לייב מיין מאַמעס,
אַ גאָלד־שטראַל וואָלט גערינען.

די ציינדלעך אויסגעביסן
ב׳זייגערל־גאָלדן־אויערל!
אויף מאַמעס גאָלדן־קייטל
געהאַנגען שוין מיין גורל —

ס׳טיקט און ס׳טאַקט ווי מאַמעס האַרץ,
און ס׳פּאַרקלעמט, אַ פינגערל — — —
מיט אָפן מויל כ׳זיץ אויף שויס,
נישט אַ קינד — אַ זינגערל.

## די קלעאָפּאַטראַ-קאַמעאָ
(סאָנעט)

נישט אַ גרעסטע פּערל פון וווּנדערלעכסטן שנירל,
צעריבן מיט אַ קנירש פון אירע פּערלדיקע ציין,
אין בעכער פון שאַרפסטן וויין אויף דנאָ געלאָזן צעגיין,
איר צופוסן עפּעס אַ בעל־תאווה גבירל.

ס׳אינערלעכע פון זיין האַרץ, ווי אַ קרעבס געשווירל,
מיט געשפּיצטער שאַרפער שווערד זיך אויסגעשניטן אַליין,
ער, מאַרקוס אַנטאָניוס, פון די העלדן דער גלאָריע־שיין,
מיט ליפּ ער זאָל דאָס טון אַ צוק, מיט ברעם אַ ריר׳ל.

„. . . אַזוי וווּנדערלעך שיין כ׳האָב דיך נאָך קיינמאָל נישט געזען,
קלעאָפּאַטראַ, צו לעבן דאָס לעבן ס׳איז ווערט געווען!“
די לעצטע ווערטער וואָס געהאַט ר׳האָט איר צו זאָגן — —

יעצט שניידט זי מיט איר שאַרפן בליק ווי מיט שוואַרצן גראַניט,
פון איר האַרצן אַרויס מאַרקוס אַנטאָניוס שאָטן־שניט —
אויף איר ברוסט אַ קמיע אים אייביק צו טראָגן.

## „מזל“...
פאר ע.

אַ גאָלדן מזוזהלע, אַ מגן־דודל,
צי אַן אויסגעשניטענעם „מזל“ גאָר,
אָדער אפשר דאָס קונציק נאָכגעמאַכטע
האָליוווד־שפּילקעלע פאַר די האָר?

כ׳האָב לאַנג אמאָל צוויי הינטעלעך געקויפט,
צי איז עס אַ זילבערן חזרל געווען?
און דאָס גליק אין יענע צוויי אויגן,
שטייענדיק איצט דאָ פאַר שויפענסטער, כ׳קאָנס נאָך זען.



## דאָס מעדאַליאָנדל
ע. וו.

באַמבלט דאָס מעדאַליאָנדל ליידיק אויף איר ברוסט,
אָדער איז איר האַרץ נאָך גאַנץ אויסגעפּולט מיט מיר?
ווי ס׳זאָל נישט זיין, איך וויל פון מער גאָרנישט וויסן:
די רינגלעך פון מיין שוועסטער אַראָפּרייסנדיק,
האָט מען אירע פינגער מיט אַראָפּגעריסן — — —

די וועלט איז אָרעם, ווי אויסגעליידיקט זי איז.
כאָטש ווי אַ בעטלער מיט ציין זיך אַרומהענגען!
כ׳טראָג נאָך אויף מיין ליב צייכנס פון אירע ביסן — — —.
ליידיק באַמבלט דאָס מעדאַלאָנדל אויף איר ברוסט
און אין מיין האַרץ — אויף קייטל רייסט זיך דאָס געוויסן.

## פּאַטשערקעס

ביליקע דריי שנירלעך מיט פּאַטשערקעס,
פלינק אויף מאַרק געקויפטע אין קערמיס בידל,
געלעגן זיינען זיך פאַרנעם און איידל,
אין צירינג קעסטעלע פון מיין מאַמען.

פין די דימאַנטן, ברילייאַנטן, רובינען. —
די גאָלד־געפּאַסטע געשליפענע פלאַמען! —
און פון גאַנצן צירינג צוזאַמען,
דאָס טייערסטע די שנירעלעך געווען.

— — — — — — — — — — —

אַמאָל אין פאַראַרעמטן אונזער שטעטל
אַן אָרעמע כלה ס׳איז געווען;
אויף כלה מלבושים און מאָלצייט שפּעזן
איר גאַנץ צירינג פאַרמשכנט ס׳האָט מאַמע.

אין חתונה־האַרמידער, צעטומלטן,
פאַרגעסן אינגאַנצן דערפון מסתמא,
און שוין אין די לעצטע מינוטן סאַמע,
די דריי שנירעלעך זיך קויפן געלאָפן.

און פון באַדעקנס ביז צום מצוה־טענצל,
און ביז געפירט מען האָט די כלה שלאָפן,
אַלץ מער די פּאַטשערקעס האָבן באַטראָפן — —
ס׳האָבן געשאַצט אָרעמע און רייכע.

און די מאמע מיט פארשנירטע ליפן,
צווישן די געסט געזעסן איז א בלייכע:
„צו מיינע קינדער כ׳בין נישט א רוצחה?“...
און געלויכטן מיט שמייכעלע צעליטן.

און ווען אויסגעליטן ס׳האט מאמע איר צירינג,
גוט נאכגעקוקט צי ס׳איז קיינס נישט פארביטן;
און אין סאמעט־אויסגעבעטן סאמע מיטן,
געלייגט זי האט די ביליקע פאטשערקעס.

## דאס גאלדענע שלאס

מאמעס קרבן מנחה סדור נישט מייז, נישט מאלן,
נישט דאס זאלץ פון די טרערן קענען אים צעפרעסן,
נישט פעלן ס׳קאן פון אים קיין איין איינציקער אות;
נאר וויאזוי די אותיות צוזאמענשטעלן, זיי לעזן,
אז אויסגעמישט זיי זיינען אין ווילדן כאאס.

הירשן־לעדערנע טעוועלעך, וואס קענען שוין העלפן,
צי די עלפנביין טייבעלעך, קונציק געשניצטע,
און דער פיין געהעמערטער גין־גאלדענער שלאס,
אז פארלאשן ס׳וועט ווערן דער דימענט געפינקל,
דאס ליכטיק אויפשיינענדיקע פון אות נאך אות.

ווי אזוי ארויסלייענען דאס וואס גייט קומען,
אז די קוראנט־קאנטיקע ליכטיקע אותיות, —
טרערן־צעפינקלטע פון תחינות און פון חצות! —
אונזערע בליקן, פארטונקלטע, פארלאשענע,
מיט ליכטיקייטן טוען נישט מער קיין פארגאס.

מיט אראפגעהאנגענע קעפלעך די טייבעלעך,
בלייך און געלבלעך דער אויסגעבלוטיקטער עלפנביין.
גלייך אין די הערצלעך אריין געטראפן דער שאס:
און אז ארויספליען עס ווען די אותיות,
וואס האט שוין צו באשיצן דער קונציקסטער שלאס.

פוך־פעדערלעך פון אונטערגעשאסענע פליגל
פון מאמעס קרבן מנחה סדור, פון די בלעטלעך,
אין אלע פיר זייטן צעפלויגן אות נאך אות — — —
זאל עס דאך כאטש בלייבן אין מאמעס שמוק־קעסטעלע,
דאס גין־גאלדן געהעמערטע קונציקע שלאס.



# משה עובד — 65 יאהר אלט

## פון אפרים טויבענהויז
(חיפה)

משה עובד געהערט צו די יחידי סגולה אין אונזער נייער יידישער ליטע־ראטור, וואס אין זיינע כתבים געפינען מיר די ספירה פון „הוד שבמנגינה“ שוין אין זיין ערשטן דעביוט „ארויס פון כאאס“, וואס האט בשעתו צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט פון ישראל זאנגביל, מאקס נארדוי און אנד. האט ער געוויזן, אז ער פארמאגט זיין אייגנארטיקן סטיל. ער האט — אזוי צו זאגן — געשאפן פאר זיינע פאעטישע לונגען א לופט, וואס איז גאנץ אנדערש ווי ביי אנדערע דיכטער.

אז משה עובד רעדט פון פריהלינג איז עס ביי איהם די דערוואכונג פון דער גאנצער בריאה.

ווינטער — פלעגט זאגן ר׳ נחמן בראצלאווער — איז אין דער בחינה פון עיבור, אלע גראזן און שפראצונגען זענען טויט, אבער ווען ס׳ווערט זומער, וואס איז געבורט, דאן וואכן אויף אלע שפראצונגען און ס׳איז גוט דעמאלט ארויסצוגעהן שפאצירן אליין אין די פעלדער. דאס שפאצירן אליין איז א תפילה און א געבעט און א גלוסטונג און א בענקעניש צום בורא עולם, אלע גרעזעלעך פון פעלד, וואס הויבן אן צו לעבן און צו שפראצן ווערן באהאפטן און גיבן צו חיות צו דער תפילה.

אז איהר לייענט די תפילות פון משה עובד׳ן זעהט איהר בחוש, ווי ער דאווענט מיט׳ן פויגל אויפ׳ן בוים און מיט׳ן רויש פון ווינט. ער האט אן אויג פאר׳ן שארך פון בלעטער־פאלן און פאר די זאנגען אין פעלד:

„און די זאנגען ווארפן זיך ווי שלאנגען אין בעטן,
איך זאל זיי איינזאמלען אין מיינע שייערן,
איך זאל זיי דרעשן, מאלן און קנעטן,
און זיי אויסבאקן אין מיינע פייערן“.

אונזער פארשטארבענער גרויסער נאציאנאלער דיכטער ח. נ. ביאליק האט אמאל ריכטיק דעפינירט דעם דיכטער מיט׳ןווארט־שפיל „ומותר המשורר מן האדם — עין“ — ד.ה. אז דאס אויג פונ׳ם דיכטער, דאס איז עס מיט וואס ער קויפט זיך איין אין דער משפחה פון דער אויסדערוועהלטער ראסע פון די משוררים.

זאגט טאקע דער אלטער ריזשינער צדיק ר׳ ישראל׳טשע, אז דערפאר האט דער „חוזה“ פון לובלין גערופן זיינע חיבורים „זכרון זאת“ און „זאת זכרון“, ללמדך — דיר צו לערנען, אז דאס פארנאטירן מחשבות איז די עובדה פון משורר און דאס ברענגט דעם לעזער צו דער אויפטרייסלענדיקער בליצי־קייט, ס׳איז דער בריליאנטן־שימער פון דעם „מחשבה שבלב“. וואס דערמיט קאן מען גיכער דערגרייכן די „סודות היצירה“ ווי מיט׳ן שכל, ווייל דאס איז די עקסטאטישע זעהונג.

נאָך אין ערשטן ספר פון משה עובד „ארויס פון כאָאָס“ קאָן מען שוין אָנטרעפן שפליטערס און ברעקלעך פון דער „מחשבה שבלב“. עובד איז דערשטיגן מיט זיין ערשטן בוך טאַקע אין מיטן ברען פון דער פריעריקער וועלט־מלחמה, ווען ס׳האָבן זיך געוויזן ביי אונז נייע דיכטער מיט גייסטיקע וואנדערלוסט און מיט אַ ווילן איבערצושאַצן די אלטע ווערטן. משה עובד׳ס אַריינטריט אין דער יידישער ליטעראטור איז דאַן געווען מיט אַ געזונטן שפאַן, ער איז געקומען ווי אַ דיכטער, וואָס איז באטרונקן מיט אמונה און מיסטיציזם; וואָס איז אָריענטירט אויף דער פארגאנגענהייט פון די פאָלקס־טראַדיציע.

און אָנגעצונדן מיט רעליגיעזן פאַטאָס זענען אויך משה עובד׳ס אנדערע ווערק. ער איז ווי אַ ווינט אין כסדר׳דיקן אומרו, וואָס טראָגט זיך אָן אימפּעטיקער און גיט אונז איבער די בלאָנדזשענישן פון זיין נשמה־לעבן. זיין אידעען־וועלט קענט איר דערקענען אין זיינע ווערק: „לעבנס בילדער“, „וויזיאָנען און אידלשטיינער“, „אין חדר אַריין“, „אין זכות פון די טעג“, וואָס פאַרמאָגן אלע איין אייגנשאפט: ס׳הערט זיך פון זיי אַ ניגון פון דער נשמה. „גאָט איז די נשמה פון דער וועלט“. דערפאר האָט טאַקע ר׳ ישראל בעל־שם־טוב אויף די קארפאטן־בערג דערשפירט דעם דופק פון דעם מלאך, וואָס רופט אויס צום בוים: „וואַקס!“ אויך משה עובד פארנעמט דעם אָטעם פון דער פאר׳כישופטער סודות׳דיקער וועלט; ער באקומט התפעלות פון אַ שאַרך פון אַ בלאַט און אַ ווארייע פון ווינט.

טיף געריירט פון דער גאולה־וויזיע, וואָס איז איצט אַ ווירקלעכקייט אין מדינת ישראל, שילדערט ער, ווי משיח געזעגנט זיך מיטן רבונו של עולם. דער דיכטער פירט אדורך פאר אונז אונזערע לעצטע גדולים, י. ל. פרץ, ח. נ. ביאליק און אנדערע וואָס האָבן געחלומט וועגן דער גאולה.

האָט דאָך י. ל. פרץ אויסגעדריקט דעם גאולה־געדאנק (זע: 16־טער באנד, „דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער“) אין די ווערטער:

„אַ געשלעכט קומט, אַ געשלעכט גייט,
— אייביק שטייט די ערד“.

אין דעם פארפילן די ערד באשטייט די אויפגאבע פון מענטש, איז דערריבער די הערשאפט איבער אַ לאַנד דאָס גרעסטע גליק, ס׳איז דער שענסטער חלום פון אַ פאָלק.

אין די ד׳ אמות פון דער גאולה וויל אויך משה עובד געפינען דעם תיקון פאר דער נשמה, וואָס איז אין דער בחינה פון „אולין ערטילאין“, וואָס האָט ארומגעשוועבט אויפן „עולם־התוהו“.

און אזוי האָט משיח צו זיי גערעדט:

— איצט, זענט איר אלע פרייע מענטשן, נישט מער קיין קאָרסעטן־לייט, און מענטשן זאָלט איר בלייבן! אכטן און באוואונדערן איינער דעם צווייטן. אכטונג געבן אויף דעם אומשטערבלעכן ניצוץ, וואָס געפינט זיך אין יעדן איינעם פון אייך, אז ער זאָל קומען צו אַ תיקון — — —

ווי ה. לייוויק אין „גולם“ גלויבט אויך משה עובד נישט אין „יסוד הרע“,



דאָס שלעכטס איז אַ „כסא לטוב“. דער „גולם“ ביי לייוויק׳ן האָט אויף אַ ווײַלע עפּעס אַ מורא פאר די צוימענדיקע פיר ווענט פון זיין אָרימער עקזיסטענץ. ער שווידערט אויף אַ ווײַלע און וויל אנטלויפן פונם „חומר“. אָבער זיין אומרו דויערט נישט לאַנג און ער קאָן זיך דורכשלאָגן אַ וועג. ביי משה עובד ווידער איז דער היינט די סטראַשידלע פון נעכטן:

„ווי זאנגען זענען מיינע פארגאנגענע טעג,
אין וואָכן, חדשים און יאָרן געבונדן:
איינס ביי איינס זיי זאמלען איך פלעג,
זיי זאָלן זיין רפואות פאר וואונדן“.

— — — — — — — — —

מיין עדות איז ג אָ ט, מיינע מחשבות ער ווייס,
ער האָט דאָך אין מיין הארץ געגעכטיקט און געטאָגט — — —“

— אחריות פארן דיכטערישן וואָרט געפינט איר ביי עובד׳ן, ס׳רעליגיעזע געוויסן, וואָס באנעמט גאָט׳ס פינגער („אצבע אלהים“) אין דעם שווערן און פאטאלן איבערברוך. ווער ביזטו, מענטש, וואָס דו נעמסט זיך אונטער די „סתרי ההשגחה העליונה“ צו דערגיין? צו קענסטו דען דורכבויערן די וואנט פון אייביקן עקזיסטענץ?

ווי אַ תפילה בלחש לייענען זיך זיינע סטראָפן:

„און ווען דו עפנסט ס׳פענסטער צום מאָרגן פלאנעט,
איז דיין חלום דאָ שוין לאַנג נישטאָ,
ער פליט שוין ווייט, העט, העט, העט
איבער די העכסטע הימלען פון לויטערסטן בלאָה — — —“

ס׳איז נישטאָ קיין גרענעץ פארן באפליגלטן דמיון, נישטאָ קיין גבול פארן חלום. ס׳שווימט ארום אַ נאקעטע לבנה, פארוויגט דעם מענטש אין אַ טרוים און דורך די שפאלטן פון די וואלקענס ווערט דער מענטש פארוויגט אין דער אילוזיע, אז ער דערגרונטעוועט אלץ און אז ס׳איז אלץ אזוי קלאָר און פארשטענדלעך, בעת אין דער אמתן שטייט דער מענטש פאר חידות, וואָס פארלאנגען אַ פתרון.

ביי משה עובד׳ן לעבט נאָך דער מיטאָס פון די קינדער־יאָרן זיינע. אז דער דאָזיקער מיטאָס פון די קינדער־יאָרן איז פאר אַ מענטש ווי אַ מאַטאָ פאר זיין גאנצן לעבן, דערציילן אונז לובלינער חסידים אין אַ חסידיש מעשהלע:

„דער רבי ר׳ יעקב יצחק פון לובלין — האָט דערציילט דער אלטער גערער רבי אין ירושלים — האָט אַמאָל באפוילן, איינשפאנען פערד און וואָגן. דער רבי מיט די תלמידים האָבן זיך צוזאמען אריינגעזעצט אין וועגעלע אַריין. דאָס פערדל האָט זיך געלאָזט גיין. עס האָט קיינער פון די תלמידים נישט געוווּסט וווּהין מען לאָזט זיך איצט. פון פאָרענט אויף די קאָוליעס איז געזעסן דער רבי פארטראכט מיט די אראָפּגעלאָזטע לייצעס אין די הענט. דעם פערדל איז אַזוי ארום געגעבן געוואָרן די בחירה, צו שפאנען אליין

וווּהין דאָס האַרץ זיינס גלוסט. געווען איז דאַן אלול־צייט. זוניקע טעג, אָבער די פרימאָרגענס און די אָוונטן קאַלטע. ביינאַכט האָט מען געטוליעט איינער צום צווייטן און אָנגעשפּאַרט קאָפּ אויפן צווייטנס אַקסל. און געפרעגט האָט קיינער נישט. בלויז צומאָל האָט דער רבי אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, טיף אָפּגעזיפצט, געשיקט זיין צושטרייטן בליק איבער די פעלדער און האָט געמורמעלט צו זיך:

„אָפּגעשניטענע פעלדער, אזא עצבות, ווי זקנה־צייט".
און נאָכהער, שטיל שעפּטשענדיק:

„און ביי זקנה־צייט טרעפט אמאָל, אז עס קומען אַרויף אויף די רעיונות די פריערדיקע יינגעלשע יאָרן, די פאַר בר־מצווה יאָרן; און אמאָל טאָקע נאָך, ווען מען איז אַ קליין יינגעלע געווען און אין חדר געגאַנגען. דאַן ווערט עפּעס מיט אַמאָל די וועלט אַזוי שיין פאַר די אויגן, ס'פּראַלט אויף פאַר די אויגן אזא שיינע זון, וואָס טוט די ערד באַלייכטן, הערסטו די שירה פון אַלע גרעזעלעך, הערסטו ווי ס'שפּילט אַ פּאַסטוך אויף זיין פייפל, ס'טראָגט זיך צו דיר אַ ניגון, וואָס גיט דיר מיט אַמאָל אַ תוכן פאַרן לעבן".

אָט די קינדישע תמימות — דאָס איז וואָס וויברירט אין עולם המחשבה והשירה, פון משה עובד, וואָס האָט מיט זיין פיין פיליקייט אונז איבערגעגעבן זיין נשמה־לעבן.

לעכצט אַ נשמה און זוכט אַ פּתרון צו דער אַלטער חידה־וועלט, זיצט דער דיכטער פאַרטראַכט און פאַר'מחשבה'ט, דערמאָנט זיך אין דער יוגנט, ווען די קנאָספּן זיינע, זענען נאָך געווען נישט געעפנט.

פּונקט ווי ס'ווערט דערציילט אין דער אינדישער סיפור־המעשה:

„גאַווינדאַ, דער גרויסער לערער פון שבט סיקאַ זיצט אויף אַ שטיין און לערנט די הייליקע ביכער, ווען ראַגהונאַטאַ זיין תלמיד קומט אָן, הערט ער, ווי דער מייסטער גאַווינדאַ זאָגט: „ס'לעבט די בלום אויף דער יבשה, אַרום איז אָבער אַ שטורעם־ווינט, רייסט דער ווינט אַרויס די בלום, שליידערט זי אין טיפן תהום.

ווי זעט אויס די פאַרטריקנטע געשליידערטע בלום? פרעגט אונזער דיכטער משה עובד אין זיינע „זינגענדע רעיונות" און ער ענטפערט דערויף:

„אויפן פּולס פון אונטערגייענדן זון־האַרץ
האָב איך ס'האַרץ אַוועקגעלייגט, זיך געבאָדן אינם
אויסגעמישטן ליכט,
אָבער אויך נישט דאָס האָט פאַרלייכטערט מיין שמאַרץ,
אומזיסט האָבן מיינע טרערן באַנעצט דאָס גרינע
הימלישע געזיכט — — —אַ

די השגה איז פאַראַן נאָר אין דער ווייטער קינדהייט, ווו דער משורר געפינט דערין דעם קדשי־קדשים, וווּהין דער פלעק פון דער איינגערעדטער השגה קאָן נישט גרייכן.



„כ'קאָן דאָך נאָך נישט גוט דעם אלף־בית:
דער הימל איז ביי מיר נאָך אַ גאָלדענע פּאַווע,
די ערד — אַ קינדער־גאָרטן, יונג און פריש;
פון שטיינדלאַך און זאַמדלאַך מאַך איך דיר אַ פּאַטראַווע,
גוט געגוג פאַר אַ קעניגס טיש — — — אַ.
— — — — — — — — — — —
אויף מיין מזרח שיינט מיין באָבעס לעצטע ווערטער:
„גיי שוין אין בית המדרש אַריין, גיי שוין, גיי!
און אַ בית המדרש זענען אַלע ערטער,
וואו מיט איין פוס איך נאָר שטיי!"

אין משה עובד'ס לידער זעט מען דאָס אויסטיילן דעם עיקר פון פאַרבייגייענדן. דאָס איז אַ מאָטיוו, וואָס לויפט אַדורך אין ביאַליקס „על ספף בית־המדרש" און „אם יש נפשך לדעת", ווו אונזער נאַציאָנאַלער דיכטער באַזינגט דעם אַלטן בית המדרש און שטעלט אים אַוועק אין דער הויך פון אַ פאָלקס־קוואַל, פון וועלכן מיר שעפּן כוח און אַמביציע אין די לאַנגע יאָרן פון גלות:

„דעם זעהערס אויג איז דאָך דער אידלשטיין,
פינסטערניש קאָן אים נישט פאַרשטעלן,
ס'איז ס'וואַרטן אויף דער משיח'ישער שעה — — —"

„גולה" און „גאולה" זענען שפּראַכלעך זייער ענלעך, ווייל די „גולה" ענטהאַלט אין זיך די קערענדלעך פון דער „גאולה" — האָט אַמאָל געזאָגט אונזערער אַ קדמון, דער רמב"ם אין זיין פירוש אויף דער תורה. די ווזיע פון דער „גאולה" קייקלט זיך איבער די דורות. ס'בלענדט און ציטערט דער גאולה־געדאַנק אין משך פון צוויי טויזנט יאָר. ווי אַ פלאַם ברענט דער רעיון אין דער נשמה פון פאָלק; דער דאָזיקער רעיון איז דורכגעפלאָכטן אין אַ ראָד פון האַנדלונגען און נסיעות קיין ארץ ישראל, אָנהויבנדיק פון „בעש"ט", ר' אברהם פון קאַליסק און ענדיקנדיק אין די לעצטע זידלונגען פון די ליובאַוויטשער חסידים אין ישראל.

ס'איז די מעלה פון משה עובד, וואָס ס'זעט זיך זיינע פינגער־דרוק אויף זיינע ווערק. לייענט מען זיינע לעצטע ביכער „די גאולה שעה" און „זינגענדע רעיונות", זעט מען פאַר זיך דעם דיכטער מיט דער אויסגעשפּראָכענער כאַראַקטעריסטישער פּערזענלעכקייט, וואָס גייט זיך זיין דיכטערישן וועג. שוין אַ קימאַ־לן 30 יאָר, זינט ער האָט דעביוטירט מיט זיינע ערשטע פּערזן אין סטיל פון ביבלישע תפילות, וואָס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ רעליגיעזן ציטער און האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם דיכטער, וואָס זוכט זיין וועג אום זיך אייגנאַרטיק דורכצוברעכן זיין וועג אין אונזער ליטעראַטור.

משה עובד'ס לידער זענען שווער צו ציטירן, ווייל מ'קען נישט פון אים אַרויסנעמען עטלעכע שורות און נעמען פון זיי אַ מוסטער, ס'גיט זיך דערמיט נישט איבער משה עובד'ס ניגון, זיין תמימות, זיין אומרו, וואָס האָט אַ סך פון

דעם אינערלעכן נשמה־לעבן פון אן אמת'ן ליריקער.

ר' נחמן בראסלאווער האט אמאל געזאגט אין זיין ספר „ליקוטי מוהר"ן" אז דעם מענשענס לעבן איז נישט מעהר ווי נאר א נסיון, ס'איז אזא שווימען איבער'ן ים, וואס שטורעמט. משה עובד דריקט עס אויס אויף זיין פאעטישן לשון:

„האט מיר נאכגעפאלגט די טריט פון נעכט און טעג
און נישט איילענדען געיעג
און נעהנטער אלץ נעהנטער קומט דאס געיעג
פון די נישט איילענדע טעג.

מיינע טעג פאר'קנס'ט, פארברענט און אוועק מיט'ן רויך.
א! ס'איז אפילו דער חלום אויך אנטרונען" — — —

דער דיכטער וויל דערגרייכן דעם תוך פונ'ם קאסמאס, וואס איז באווירט אויף דער „חכמה עילאה", וואס צינדעט דעם פערזענליכן באגעהר פון דער נשמה און טוליעט זיך אין שיין, אט דאס, וואס קוועלט ארויס פון אינערליכן געמורמעל און טראגט דעם סוד פון דער וועלט, אבער אין שנייאיקן פראסט פון דער השגה איז פאראן דער „יוסיף דעת, יוסיף מכאוב" און דאס דריקט משה עובד אויס אין זיין אריינפיר צו זיין בוך „זינגענדע רעיונות":

די ברכה און די קללה אין צורת־אות, וואו ער שילדערט זיין זעהאונג: די ראד פון דער „מעשה־מרכבה אין א ווילדן קאראהאד געדרייט; א פאלקס־פייער אין בריה פון „ספר האדם", וואס דאס איז — דאס עסענציעלע פונ'ם גאנצן מענש.

## שמואל ווהייט

## דיינע וויזיאנען, דיינע איידעלשטיינער...

געווידמעט מיין חשובן חבר: דעם מענטש, דעם דיכטער, דעם קינסטלער, משה עובד

דיינע וויזיאנען —
— געבליבענע פערל ארויסגעצויגן
פון דיין טיפן נשמה קוואל
וואס ווארעמט מיט זייער קאלירוקן גלי.

איידלשטיינער —
— דיינע געקליבענע איידלשטיינער
לויכטן מיט א העלער לויטערקייט,
אן אפשפיגלונג פון אור־השכינה
וואס כביכול טיילט בלויז צו צו איינעם
פון זיינע יחידי סגולה...





משה עובד — פון יעקב עפשטיין

## י. ל. פיין

## משה עובד'ס כאראקטער־בילד אין ווערטער

זיין קאפ איז פארמירט ווי א קרוין,
אויף זיין פנים — דער יידישער חן,
מיט א גערונצעלטן שטערן
פון טראכטן און קלערן
ווי די סודות פון גאט צו דערגיין.

זיינע אויגן ווי פענסטער פון הארץ,
זעגען אפן פאר פרייד און פאר שמערץ,
צו זען זיך און יענעם;

דעם גן עדן און גיהנום,
דורך אַפּילענדיק מענטשלעך הארץ.

און שטיין און ביין, האָלץ און אייזן,
שיינקייט ס׳זוכט זיין דיכטער־וועזן,
אין זיין מוזע אים באַגלייט
אומעטום ווו ער גייט
אים די געטליכע אוצרות צו ווייזן.

זיין גלויבן איז דער ייִדישער אות,
זיין רוף איז — „אַרויס פון כאַאָס״!
און ווי תפלות פון סדור
זיינע „לעבנס־לידער״
זינגען מיט שכינה פּאַטהאָס.

לאָנדאָן, יולי, 1950.

## ש. י. דאַרפזאָן

# מכח משה עובד׳ס „וויזיאָנען און איידלשטיינער״

— 1 —

אין משך פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר תש״י, זיינען אין לאָנדאָן דערשינען גאַר־ווייניק ייִדישע ביכער לגבי די פריערדיקע יאָרן.

דער פּאַריתומטער ייִדישער שרייבער (וועמענס באַשריינקטע צאָל לייענער ווערן טעגלעך ווינציקער), האָט פּשוט פאַרלוירן דעם ווילן און דעם מוט — זיך איינצושפּאַנען אין דעם בזיונ׳דיקן עול, כדי אויסצובעטלען ביי די געציילטע, אויפן פינגער אנצווייזן מעצענאַטן און פריינט פונם ייִדישן וואָרט, די פּאָר נייטיקע פונט, וואָס זיינען נייטיק אַרויסצוגעבן זיין, מיט שווערער מי געשריבענע לידער אָדער נאָוועלן.

לאָמיר ביי דער איצטיקער געלעגנהייט מודה זיין, אַז ניט אַלע ייִדישע ביכער, וואָס זיינען דערשינען אין לאָנדאָן אין משך פון די לעצטע עטלעכע יאָר, האָבן — מיט געווויסע אויסנאַמעס, פאַרשטייט זיך — געמעגט דערשיינען. און אויב זיי זיינען דאָך דערשינען, האָבן די מחברים געמוזט די שאפונגען זייערע אנבאָטן צו די אומדאַנקבאַרע „קונים״, וואָס האָבן געקויפט דאָס בוך מיט צוואַנג, כדי פּטור צו ווערן פון דעם שרייבער . . .

אַזוי איז, צום ווײ־געשריי, דער מצב פונם ייִדישן בוך דאָ אין לאָנדאָן און מן־הסתם אויך אין פּאַריז, ניו־יאָרק און אין אַנדערע לענדער, ווייל דאָס באַדערפעניש נאָך אַ ייִדיש וואָרט ווערט קלענער און איינגעשרומפּענער, ווי דאָס אַלגעמיינע ייִדישע לעבן אין די גלות לענדער ווערט איינגער און שטיקנדיקער אַלס סיבה פון דער מוראדיקער אַסימילאַציע.



— 2 —

איז אָבער געקומען אַזאַ ייִדישלעכער ייִד ווי עס איז אונזער באַקאַנטער דיכטער, שריפטשטעלער, סקולפּטאָר און סוחרישער באַהעם, משה עובד און האָט צונישט געמאַכט די „טעאָריע״ וועגן דעם אונטערגאַנג פונם ייִדישן וואָרט אין לאָנדאָן.

איך האָב נאָר־וואָס פאַרשלינגען, ממש, זיין אַקאַרשט דערשינען בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער״, וועמענס אנגעפיקעוועטע קורצינקע נאָוועלן אויף די 315 זייטן, האָבן פאַר אונז אנטדעקט אַ שפּאָגל־נייעם „משה עובד״.

מיט עטלעכע יאָר צוריק, האָב איך געלייענט דעם ערשטן טייל פון דעם בוך אונטערדעמזעלבן נאָמען. איצט האָב איך ווידער איבערגעלייענט די פריערדיקע נאָוועלן, וועמענס „אַלטקייט״ זיינען געוועזן אַזוי אנציענד־פריש ווי די נייע, וואָס איך האָב געלייענט צום ערשטן מאָל.

משה עובד האָט די איינבילדונג, אַז ער איז ניט קיין „פּראָפעסיאָנעלער״ שרייבער; אַז ער שאַפט בלויז „פאַר זיך״, ווייל גאָט האָט אים באַגליקט מיט אַ שענערע און בעסערע פּרנסה ווי דאָס שרייבן ייִדישע ביכער.

די איינבילדונג (אָדער באַהויפּטונג) איז ניט קיין ריכטיקע.

משה עובד איז, אין תוך גענומען, כּלו קינסטלער! זיין גאַנצער מהות, אַרט שרייבן און רייד, זיין הולך און אויסזען, אפילו זיין מסחרן מיט די קמעות, איז די פּערזאָנעפיצירונג פון אַ קינסטלער.

איז אפשר גאָרניט קיין צופאַל, וואָס דאָס נייעסטע בוך זיינס (איינס פון מערערע, צווישן זיי — דאָס פילאָזאָפישע און וועלט־באַגליקנדע בוך „אַרויס פון כאַאָס״), האָט, לויט מיין מיינונג, אנטדעקט פאַר אונז אַ מין מייסטער פון דער פעליעטאָניסטיש־חכמה׳דיקער קליינער נאָוועלע.

עס איז צו באַוואונדערן ווי־אַזוי משה עובד דערציילט אונז אין אַ צוואַנציק דרייסיק שורות־לאַך אַ מעשה׳לע, וואָס לייענט זיך מיט אַ ממש פאַרכאַפּנדיקן אַטעם. דאָס אויג און דאָס געפיל יאָגט זיך נאָך דעם „סוף״ פון דעם קליינינקן, שפּאַנענד־פאַראינטערעסירטן מעשה׳לע, אָדער די אַזוי טרעפלעכע שילדערונגען פון זיינע אויטאָביאָגראַפישע קאַפּיטלאַך אין וועלכע עס איז אַרומגעהילט אַזאַ אומעטיקלעכער ייִדישער ווייטיק און טרויער . . .

— 3 —

אין משך פון לייענען „וויזיאָנען און איידלשטיינער״ בין איך אַסך מאָל געוואָרן פאַר׳חידושט פון משה עובדס באַ׳טעמ׳טן־ייִדיש, וואָס איז באַווירצט מיט אַ שלל פון פּערלדיקע אויסדרוקן פון אונזער ייִדישן שפּראַך־אוצר.

משה עובד שפּילט זיך אַזוי מיט די דאָזיקע זאַפטיקע אויסדרוקן ווי דאָס וואָלט, אַ שטייגער, געווען אַ גרויסע קאָלעקציע פון ווערטפולע פּערל און איידלשטיינער פון זיין מסחר׳ישן קדשי־קדשים . . .

עס איז אַ ייִדיש לשון, וואָס דער מחבר האָט גע׳ירשנט פון זיינע עלטערן, די אייניקלעך און אור־אייניקלעך פון דעם פאַר־דורותטן ייִדישן לעבן אין פּוילן.

איך וועל ניט מגזם זיין צו זאָגן, אַז משה עובד איז דער מייסטער פון דעם שענסטן און בעסטן יידיש־פאָלקסטימלעכן אַנטיקוויטעטן־לשון, וואָס פאַרשווינדט (אָדער איז שוין פאַרשווינדן) צוזאמען מיט די מיליאָנען פאַרשניטענע לעבנס פון אונזערע ברודער, וואָס האָבן זינט הונדערטער יאָרן געפורעמט אונזער טייער יידישן מאַמע־לשון.

משה עובד׳ס עשירות אין דער יידישער שפּראַך, האָט אים שטאַרק אַרויסגעהאָלפן אין שילדערן די טראַגי־קאָמישע סיטואַציעס, וואָס מיר באַגעגנען אין זיין בוך.

מיר האָבן זיך באַקאָנט מיט אַ גאַר־אינטערעסאַנטער גאַלעריע פון טיפּן און געשטאַלטן, יידן און ענגלענדער, אַמעריקאַנער און אינדיער, קינסטלער און דיכטער, סוחרים און סתם פאַרשלעפּטע קרענק מיט וועלכע דער מחבר איז געקומען אין באַרירונג אין משך פון זיין יאָרן־לאַנגער סוחריש׳ער און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

משה עובד׳ס מסחר איז געגליכן צו אַ מין אוניווערזיטעט פון לעבן. דער מחבר פירט אונז אַריין אין אַ לאַבירונט, פון וועלכן עס איז פשוט שווער זיך אַרויסצודרייען. עס שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז משה עובד איז אימשטאַנד אונז צו דערציילן מערערע הונדערטער אַזעלכע טשיקאַווע מעשה׳לאַך און עפּיזאָדן פון זיין לעבן, וואָס זאָלן זיין ניט ווייניקער אינטערעסאַנט און שפּאַנענד ווי די, וואָס מיר האָבן איבערגעלייענט אין דעם דערמאָנטן בוך.

— 4 —

איך דערמאָן מיך פאָלגענדעס:

מיט אַ צייט צוריק, האָב איך געלייענט משה עובד׳ס אַ מעשה׳לע, (געדרוקט אין דעם זשורנאַל „לשון און לעבן"), וואָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטריגירט. בעת אַ געלעגנהייט האָב איך געפרעגט דעם מחבר, וואָס ער האָט געמיינט מיט דער געשיכטע? אָבער דער עיקר האָב איך געוואָלט וויסן דעם סוף פון דער מעשה.

אַנטשטאָט אַ תשובה, האָט משה עובד באַמערקט מיט אַ לאַכנדיק פּנים:

— איר גלויבט אויך אין דער מעשה?

טאַקע וועגן דעם האַנדלט זיך:

דער קינסטלער מאַלט די פּערסאַנאַזשן פון זיין ראָמאַן אָדער דערציילונג מיט אַזאַ כח און קראַפט, אַז ער מאַכט אונז גלויבן אין דעם, וואָס מיר האָבן געלייענט.

דער קינסטלער האָט אונז געמאַכט ג ל ו י ב ן אין זיין גאָט.

משה עובד מאַכט אונז גלויבן אפילו אין זיינע פאַנטאַסטיש־פילאָזאָפישע שמועסן („חלומות", „וועסטן־טעשלעך", „רודאָלף וואַלענטינאָ", „סאַניטאַ", „דער אַמעריקאַנער אויבערמענש און די אינדישע פּרינצעסין", [illegible] פענסטער" און אַנדערע), וועלכע לייענען זיך מיט דערזעלבער נייגעריקייט, ווי מיר האָבן געלייענט זיינע אינטערעסאַנטע באַגעגנישן מיט שלום אַש, נחום סאָקאָלאָוו, ד״ר מאַקס נאָרדוי און אַנדערע פּערזענלעכקייטן מיט וועלכע דער



מחבר איז געקומען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט.

איך האָב געמאַכט אַן אַנטדעקונג, אַז דער געמיטלעכער, פיין־פילענדער מענש און קינסטלער משה עובד, קאָן אויך זיין סאַרקאַסטיש, בייסיק און וויציק. אָבער אין אַ רגע שפּעטער קאָן ער ווערן טרויעריק מעלאַנכאָליש ווי אַ קליין קינד . . .

— 5 —

משה עובד האָט פאַר אונז זיך אַנטפּלעקט אַלס דער יידישער „ג. שאָפּמאַן", וועמענס שאָפונגען אין דער העברעאישער שפּראַך, האָבן אים געקרוינט אַלס דע ר כהן גדול פון דער „קורצער נאָוועלע".

„וויזיאָנען און אידלשטיינער" איז אַ צאַרט בוך, וואָס שטעלט אוועק דעם מחבר אין די פאָדערשטע רייען פון די פאָדערשטע רייען פון די יידישע וואָרט־קינסטלער.

משה עובד׳ס בוך, האָט מכפּר געווען די חטאים פון אַנדערע ניט־געלונגענע יידישע ביכער, וואָס זיינען דאָ דערשינען אין משך פון די לעצטע יאָרן.

עס איז אַן אינטערעסאַנט ביז גאָר אַנגעשריבן בוך, אַרויסגעגעבן ציכטיק און זויבער און עס איז אַ מצוה—דאָס בוך צו לייענען, ווייל דער לייענער וועט דערפון האָבן אַ גאַראַנטירטע הנאה.

---

## דער וואָרט־קאָנצערט פון „פּריינט פון יידיש לשון"

דער וואָרט קאָנצערט, וואָס פּריינט פון יידיש לשון" האָבן איינגעאָרדנט פאַרגאַנגענעם חודש אין אדלער האָל איז געווען אַ מאָראַלישער און אַ מאַטעריעלער דערפאָלג.

יידל גאָלדבערג האָט מיט זיין זינגען די יידישע פאָלקס לידער גאָר שטאַרק אויסגענומען ביים עולם; ער ווייסט צו וואָראירן מיט זיין שטימע און זשעסט די לעבעדיקייט און פאָלסטימלעכע באַוועגלעכקייט אינם ליד, וואָס רירט ביז טרערן און מאַכט אויפלאַכן פון פרייד. יידל גאָלדבערג איז אַ שטאַרקע קינסטלערישע קראַפט!

דאָרא דימאַנט האָט עכט נאַדיריש „פאַרגעשטעלט" משה נאַדירס „באַבע" און דעם עולם פאַרשאַפט גרויס הנאה. און עס וועט נישט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז מיט איר אויפפאַסונג פון פּרצ׳עס „מאָניש" און דעקלאַמירן איז זי איינציק, און אפשר נישט נאָר אין לאָנדאָן.

נעט רובין, וועלכער פייערט איצט זיין 30 יאָריקן יובל ווי דער לאָנדאָנער רעציטאַטאָר, האָט זיך אליין איבערטראָפן מיט זיין אין גרים פאַרגעשטעלטן „משוגענעם בטלן" פון פּרצן. ער האָט אויך רעציטירט פון די לאָנדאָנער פּאָעטן איניקע לידער.

דער אָוונט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג! דער עיקר ער איז געווען ווי אַ מוסטער פון ריינקייט און געשמאַק, פון וועלכן די לאָנדאָנער וואָרט־קאָנצערט אָוונטן קאָנען עפּעס לערנען, און „פּריינט פון יידיש לשון" דאַרף נישט לאַנג לאָזן וואַרטן מיט אַ נאָכפאָלגנדיקן קאָנצערט און אין אַ גרעסערן זאַל, פאַר אַ גרעסערן עולם.

ש.

## ל. האַכשטיין

# װעטעראַנען...

## יואל מאַסטבױמ׳ן אַ װידמונג

(לכבוד זײַן באַזוך אין לאָנדאָן)

עס זענען פֿאַראַנען
אַ פּאָר װעטעראַנען
פֿון װאַרשע.
עס זענען געבליבן,
װאָס האָבן געשריבן
די פּרשה: —

די פּרשה פֿון װאַרשע,
די גרױלן פֿון פּױלן,
די שחיטה פֿון ליטע . . .

עס זענען פֿאַרבליבן . . .
כמעט . . . אײנער פֿון זיבן . . .
און . . . יואל אינמיטן . . .

אין שטאָט — אַ מגפֿה!
אין װאַלד איז אַ שׂרפֿה!
אין פֿעלד איז אַ שטורעם; . .

ער שטײט אומגעבױגן
מיט פֿלאַם אין די אױגן,
ער שטײט װי אַ טורעם,
װ׳אַ שטאָלענע װאַנט, —
און לאָזט נישט אַרױס׳עט
די פֿעדער פֿון האַנט . . .

דער ים ברױזט, קערט װעלטן,
דער װינט רײַסט געצעלטן,
די שיף יאָגט מיט האַסט . . .

האָב נישט מורא! ביים רודער
האַלט װאַך אַ גוטער־ברודער: —
און גאַנץ בלײַבט די מאַסט . . .

און ס׳פּלאַטערט אױבן־אָן
די ליטעראַרישע פֿאָן
פֿון דעמביקן בױם —
יואל מאַסטבױם!

לאָנדאָן, אױגוסט, 1950.



## א. מ. קײזער

# מיר, די בעלי־תּשובֿה פֿאַר פֿרעמדע זינד

אַ דרשה אַזאַ לימים־הנוראים

אמר ירוחם — זאָגט מײַן לאַנדסמאַן ירוחם דער מלמד, װעמען מען רופֿט „דער פֿילאָזאָף“:

דער חודש תּשרי איז, כּידוע, אַ חודש פֿון געשלעג און קלעפּ. רק מען שלאָגט און מען קלאַפּט; מען שלאָגט כּפּרות, מען שלאָגט מלקות, מען שלאָגט על־חטא, מען שלאָגט הושענות, מען שלאָגט זיך איבער אַ פּסוק פֿון אתּה־הראית, מען שלאָגט אָן מיט די תּפֿלות אין אַלע הימלען. שמשים קלאַפּן צו סליחות, חזנים קלאַפּן מיט די קאַמערטאָנען, און די אונטערנעמער קלאַפּן טרעװאָגע װעגן די גרױסקײט פֿון זײערע חזנים, בעת די דרשנים קלאַפּן אױף די באַלעמערס. מוצאי־יום־כּפּור קלאַפּט מען אַרײַן אַ פּלאָקן און דערנאָך קלאַפּט מען צוזאַמען אַ סוכּה. ביני־לביני, קלאַפּט אַ ייִד אױך אַן דאָס װײַב, אױב ער האָט כּח, פֿאַרשטײט זיך, אױב נישט, איז די מעשׂה פֿאַרקערט . . .

און ייִדן זענען זיך אין דעם חודש תּשרי גאָר מחיה. סאיז אַ חודש װען זײ קאָנען זיך די הענט צעפֿירן. מחמת ייִדן זענען דאָך עפּעס, װי די װעלט װײסט, געבױרענע שלעגערס, היצלעס; איז, אַז סקומט דער חודש תּשרי, איז — דאַװאַי קלעפּ! סאיז אַ יום־טובֿ אין שטעטל.

נאָר פֿונעם גאַנצן תּשרי־קלאַפּעניש האָבן ייִדן צומײסטנס ליב די „על חטאס“. איר זענט עפּעס אַ מבֿין װיפֿיל „על חטאס“ ייִדן קלאַפּן זיך אַרײַן אין אַ יום־כּפּור? רבונו־של־עולם! פֿון װאַנען נעמען עס ייִדן אַזױפֿיל כּח צו זינדיקן? און װאו נעמען זײ צײַט דערצו, אַז דער קאָפּ איז זײ, דאַכט זיך, גאָר פֿאַרטון אין דאגות־פּרנסה, אין צער גידול בנים, אין שידוכים פֿאַר בוגרתן און אַנדערע קלאַפּאַטן. שױן־זשע האָט מען זײ נישט אונטערגעװאָרפֿן אַ פּאָר צענדליק פֿרעמדע עבֿירהלעך?

ניין! איך גלױב נישט, אַז ייִדן זענען גאָר עלול צו באַגײן אַזױפֿיל חטאים. בכלל, זינדיקט נישט אַ ייִד סתּם לשם זינד. אַ ייִד, אַז ער איז עובֿר אַן עבֿירה, איז עס אָדער לשם געזונט אָדער לשם פּרנסה. אַ ייִד פֿאַרגעסט קײנמאָל נישט אַז ער האָט אױף זיך אַ יצר־הרע, מיט װעמען ער שטײט אין מלחמה דאָס גאַנצע לעבן, די אײביקע „מלחמת־היצר“, און װאָס גרעסער דער ייִד אַלץ גרעסער דער יצר־הרע, אַלץ שטאַרקער דער געראַנגעל.

אמת, אַז דעם יצר־הרע איז הײַנטיקע צײַטן אױך נישטאָ װאָס מקנא צו זײַן, אױך ער באַקלאָגט זיך, אַז סאיז נישט „דאָס װאָס אַמאָל“; אַמאָל האָט ער געהאַט אַ „דזשאָב“ צו צורײדן אימיצן צו אַן עבֿירה, איז גערװען שטאַרק „ביזי“, געשװיצט און אַפֿילו געאַרבעט „אָװערטײַמס“. הײַנט, מיט דער מאָדער־

נער טעכניק, איז ביז ער גיט זיך אַ ריר, זענען שוין אַלע עבירות אפגעטון . . .

אָבער איך גלויב אים נישט, דעם יצר־הרעדיקן „גראַמבלער“. דאָס לייגט ער אַרויף די באַד אויף דער מאָדערנער טעכניק, ווייל לגבי אונז איז ער נעבעך אַ שלימזל. ביי יידן האָט ער אַ קנאַפּן דערפּאַלג. און אפשר איז דאָס „גראַמבלען“ גופא אַ יצר־הרעדיק שטיקל אזאס . . . ווער ווייסט?

נאָר נישט יעדער איינער וואָס מיינט אַז „דער יצר־הרע טראָגט אים“ אָדער „כאַפּט אים אָן“, איז עס טאַקע דער יצר־הרע. סקאָן גאָר זיין עפּעס אַנדערש און נישט קיין יצר־הרע, ווייל יצר־הרע ביי אַ יידן איז גאָר אַ מדרגה, וואָס דערצו איז — לאו כל אדם זוכה. לאָמיך עס דערקלערן מיט אַ משל:

משל למה הדבר דומה? צו אַ בעל־עגלה, וואָס האָט, בעוונותינו הרבים, באַקומען אַ טרייפענעם חשק צו אַ פרעמד ווייבל, אַן אשת־איש רחמנא ליצלן. דער יצר־הרע האָט אין אים אַזוי געברענט, אַז אָט־אָט פאַלט ער אַריין אין גיהנום. וואָס־זשע האָט ער געטון? איז ער אַוועק — נישט צום ווייבל חלילה, נאָר צום רב, זיך שואל עצה זיין:

— רבי, וואָס זאָל איך טאָן, רבי? דער יצר־הרע דאַקוטשעט, אַרבעט מעשים, כ׳האָב מורא, רבי, ער וועט מיך אַוועקלייגן.

האָט זיך דער רב אויף אים צעשריגן:

— דו גראָבער יונג, דו עם־הארץ איינער! וואו קומסטו צו יצר־הרע? דער יצר־הרע, דאַרפסטו וויסן, איז דער שליח פונם איבערשטן פאר שיינע יידן, פאר גוטע־יידן, פאר תלמידי־חכמים, אָבער נישט פאר אַזעלכע פראָסטאַקעס ווי דו. דו ביסט נישט קיין מענטש פון יצר־הרע ביזט אַ פשוטער ב ע ל־ת א ו ו ה און מער נישט!

איצט, האָף איך, פאַרשטייט איר שוין, רבותי, וואָס איז אַזוינס „יצר־הרע“ און וואָס איז „תאווה“. אָבער דער פראָסטער בעל־עגלה האָט עס קענטיק נישט פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט זיך אנגערופן צום רב:

— אָבער, הייליקער רבי, עס ברענט מיך פארט צו איר, איך ווער פאַרשרפהט!

האָט דער רב גענומען אַ שפּיץ באָרד אין מויל אַריין און זיך צו אים אנגערופן מיט אַ גמרא־ניגון:

— ווילסטו, הייסט עס, באַגיין אַן עבירה, אַ פשוטע עבירה, איז וואו שטייט עס געשריבן אַז סמוז דווקא זיין מיט אַן אשת־איש? שאַ, איך האָב פאר דיר אַן אַנדערער עצה: אָט גייט סוכות, וועסטו עסן חוץ־לסוכה . . .

אַזוי זינדיקן פראָסטע יידן, די פשוטע בעל־תאווהדיקע יידן, וואָס האָבן נעבעך נישט קיין יצר־הרע. שיינע יידן ווייטער, די יצר־הרעדיקע יידן זאָלן געזונט זיין, אַז סקומט זיי אונטער אַן עבירהלע, זוכן זיי שוין אויס עפּעס אַן „היתר“ אָדער אַ „תשובה“, וואָס איז זיי די עבירה מתיר.

און אַז דער יצר־הרע האָט נישט געוואָרט אויפן היתר און האָט דעם שיינעם יידן אַזוי אויך ביינגעקומען, איז וואָס־זשע טוט אַזאַ ייד? גייט ער אַוועק לאחר־המעשה צום רבין זיינעם און איז אויף זיך מקבל אַ „תשובה“.



נאָר די „תשובה“ איז אויך נישט מי־יודע וואָס.

מעשה שהיה מיט צוויי חסידים, וואָס פאָרנדיק צום רבין זענען זיי באַגאַנגען אַ מיאוסע עבירה. האָט דער רבי אויף זיי אַרויפגעלייגט אַזאַ „תשובה“: זיי זאָלן אַ גאַנצן חודש אַרומגיין מיט ארבעס אין די שיך. האָבן זיי אַזוי געטון. אין אַ וואָך אַרום, אַז די ביידע חסידים האָבן זיך געטראָפן, איז איינער אַרומגעקראָכן אין שווערע יסורים און געקרעכצט, און דער צווייטער האָט גאָר אַרומגעטאַנצט מיט אַ חסידיש זמרל. פרעגט דער בעל־יסורים:

— יאָסל, ווי קומט עס וואָס איך האָב שוין געשוואָלענע פיס פון די ארבעס און דו גייסט אַרום אַ טאַנצנדיקער? איך בין חושד אַז דו האָסט דעם רבין נישט געפאָלגט, האָסט נישט אַריינגעלייגט קיין ארבעס אין דיינע שיך.

— ביסט אַ חסיד־שוטה! — ענטפערט אים יאָסל — אוודאי האָב איך די ארבעס אַריינגעלייגט אין די שיך, נאָר איך האָב זיי פריערט אָפּגעקאָכט . . .

אַזוי גיט זיך אַ ייד אַ תלמיד־חכם אַן עצה מיט אַן הארבע „תשובה“.

בעלי־תשובות, ווי איר ווייסט, זענען דאָרט אויבן, אין דער פמליא־של־מעלה, זייער אַנגעלעגטע געסט. זיי זענען אפילו טייערער פון אמתע צדיקים, ווי די גמרא זאָגט: „במקום שבעלי־תשובה עומדים אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד“. דאָרט, הייסט עס, וואו בעלי־תשובה שטיין, קאָנען אפילו עכטע צדיקים נישט שטיין. היינט, צו וואָס זיין אַ צדיק און אפקומען אויף דער וועלט, אַז מקאָן אַ גאַנץ יאָר האָבן אַלע עולם־הזהלעך און אויפן צוועלפטן חודש ווערן בעלי־תשובה און דערביי מערער פועלן פונעם אויסגעווייקטן צדיק.

מיר זענען עס אָט די „בעלי־תשובה“. דאָס איז דער אַקט, וואָס מיר פירן אויף יאָר־איין יאָר־אויס. יעדן תשרי ציען מיר אויף דעם פרוכת־פאַרהאַנג, און פאַלן צו צום כסא־הכבוד מיט אַ געשריי: „אבינו מלכנו, חטאנו לפניך! מיר האָבן געזינדיקט, נאָר מיר ווילן תשובה טון!“ מיר שפּילן די ראָלע פון שווערע חוטאים וואָס זענען געוואָרן בעלי־תשובה, כדי אַזוי אַרום צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון דעם וואָס טוט איצט די וועלט משפטן. נאָר נישט אַזוי גרינג קומט עס אונז אָן. דער קטיגור לאָזט נישט צו. ער אַרבעט מעשים קעגן אונז:

— הויכער ריכטער! גלויב נישט אין זייערע זינד. זיי בלאָפן. זיי האָבן זיך נאָך נישט אַזוי זינדיק אויסגעצייכנט, אַז זיי זאָלן קאָנען באַקומען דעם בעל־תשובה טיטל.

אַזוי טענהט ער, דער קטיגור, פאַר רבונו של עולם. דער סניגור ווייטער, וואָס וויל אונז פאַרטיידיקן, וויל אויפווייזן, אַז מיר האָבן יע אַ רעכט אויפן בעל־תשובה טיטל, ווייל מיר האָבן יע געזינדיקט. און, אַז ער נעמט אויסרעכענען אונזערע בלאַסע טל־ומטרדיקע עבירהלעך, צעלאַכט זיך דער קטיגור. דאַכט זיך, אַז ער אַליין, כביכול בכבודו ובעצמו, נעמט אויך שמייכלן.

נאָר מיר האָבן דעם קטיגור אין טראַק. מיר געבן אַ נעם אַרויס אונזער לאַנגען צעטל „על חטאס“ און הויבן אָן אויסרעכענען אַזעלכע כפול־שמונה־

דיקע עבירות, אַז דער קטיגור בלייבט אַ פאַרטשמעליטער. אַזוי נאַרן מיר אים אָפּ און נאַרן זיך אַליין אָפּ מיט אונזערע „על חטאס“. ביסלעכווייז הייבן מיר אָן גלויבן, אַז מיר האָבן טאַקע די אַלע עבירות אפגעטון. נאָר צווישן אונז גערעדט ווייסן מיר דאָך, אַז אונזערע זינד זענען קיין שישקע פולווער נישט ווערט. ווייל ווי זאָגט דער נביא: „אם יהיו חטאיכם — ווען אייערע זינד וואָלטן עפּעס ווערט געווען, וואָלט איר זיי אַזוי גרינג נישט אַריינגעוואָרפן אין וואַסער צו תשליך“.

דער פאַר וואָלטן אונזערע גייסטיקע פאַסטוכער געדאַרפט אין די פאַרכטיקע טעג אַזוי מתפלל זיין:

אנא סלח נא! פאַרגיב, גאָט, דיין פאָלק ישראל, פאַרוואָס ער האָט נעבעך אַזוי ווינציק געזינדיקט. כאָטש לויט די שטראָפן וואָס דו שטראָפסט אים, האָט ער געדאַרפט זיין דער גרעסטער זינדיקער אויף דער וועלט, דער גרעסטער בעל־עבירהניק. שוין צוליב דעם אַליין, צוליב די עונשים, וואָס דו ברענגסט אויף אים, דאַרפסטו אים געבען כח אַ סך, אַז ער זאָל קאָנען אַביסל מערער אונטערזינדיקן, כדי סזאָל חלילה נישט זיין קיין ליגן דער פסוק: „דו ביסט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט“...

מיר ידן, וואָס זענען באַקאַנט אַלס די זוכער פון אמת, דאַרפן אויך אין אונזערע זינד און אין אונזערע וידוים אויף די זינד זוכן בלויז דעם אמת. מיר דאַרפן זיין גערעכט צו זיך אַליין. אַז זינדיקן — זאָל זיין געזינדיקט! און אַז תשובה טאָן — זאָל זיין תשובה געטאָן! אמתדיק, ראַיעל, מיט אַ קלאָרן חשבון, וואָס סקומט דיר און וואָס סקומט מיר. נאָר נישט זיך אַליין אָפּנאַרן. גענוג אַז אַנדערע נאַרן אונז. לאָמיר אויפהערן צו זיין בעלי־תשובה פאַר פרעמדע זינד. לאָמיר אַליין זינדיקן, ובזכות זה, וועלן מיר זוכה זיין ווערן אמתע בעלי־תשובה און די קלעפּ פון אונזערע „על חטאס“ וועלן זיין אמתע קלעפּ.

כה אמר ירוחם.

---

ש. ערנסט

## אַ קאַפּיטאַן פון די מאַרינס איז געווען דער בעל־תפלה ימים נוראים אין ירושלים

געווען איז דאָס אין דער צייט פון דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען מיר איז אויסגעקומען צו דאַווענען ראש השנה אין ירושלים, אין אַ מנין אין קאַמיניץ'ס האָטעל. דער בעל־תפלה איז געווען זייער אַן אינטערעסאַנטער מענש, האָט געהאַט זייער אַ פערהאַרטעוועט־שטאַרקן בליק, זיין פּנים פון זון אבגעברענט־פאַרשוואַרצט, זיין מיליטער ראַנגע איז געווען קאַפּיטאַן פון דעם מאַרינקאָרפּוס סידני וועב, פון דובלין. ער איז געווען זייער אַ גוטער בעל־תפילה און האָט גאַדאַוועט זיינע תפילות זייער האַרציק. שטאַרק אקצענטירנדיק יעדעם וואָרט.



בכלל פאַרמאָגט ירושלים אין די ימים נוראים, הונדערטער מנינים אין אַלע עקן שטאָדט, און איך פלעג אַלעמאָל דאַווענען אין אַן אַנדער מנין און אַזוי האָב איך טאַקע די מעגליכקייט צו שילדערן.

קודם־כל זענען דאָ פאַראַן די מנינים פון די פאַרשידענע עדות, תימנ'ער אידן פלעגן האָבן זייערן אַ מנין אין דאָרף סילואַן, וואו זיי האָבן געהאַט דאָרט אַ שכונה, דאָרט פלעגן איך דאַווענען די אורפאַלער ידן, וואָס שטאַמען פון נינוה — אין „נחלת צבי“ פלעגן אַמאָל דאַווענען די שוואַרצע אידן פון אינדיען, זיי דאַווענען פון אַן אייגענעם מחזור, כמנהג קהילה קדושה שינגילי (סינגאַלי) און זייער נוסח איז אַן אַנדערער ווי אונזער מחזור.

בעת דער עולם האָט געענדיקט ביי אונז די תפילה האָט דער בעל תפילה, דער קאַפּיטאַן פון די מאַרינס, מיר געבעטן איך זאָל מיט אים שפּאַצירן אין אלט־שטאָדט פון ירושלים. מיר זענען אוועק אהין און מיר האָבן געזען ווי פון ביידע זייטן פון דער מאַרק־גאַס שטייען קוישלען פירות, וואָס די אַראַבישע הענדלער שטעלען דאָ אויס. אַ פאַרבען־געמיש, ווי מען קאָן דאָס נאָר זען אינם מזרח און דאָס אויג פון אַ טוריסט ווערט צוגעצויגן. נאָר קיינער קויפט איצט נישט. די אַראַבער זיצן דאָ, רויכערן זייערע נאַרגילעס און וואַרפן שכור'ע אויגן איבער די פאַרביי־גייענדע. אָט זענען געשעפטן וואָס אידן האָבן זיי פאַרלאָזן, און אָט אַראַבישע רעסטאָראַנען מיט זייערע שאַרפע גערוכן, און אָט זייערע קאַפעען, וואו אויף די נידריגע בענקעלעך זיצן זיי און שפילן גאַנצע טעג אין „בעשבעש“, אַ ספּעציעלער אַראַבישער ווירפעל־שפּיל, רויכערן זייערע נאַרגילעס און טרינקען אָן אונטערברעכן שוואַרצען קאַפע. דאָ זענען זיי קאָנצענטרירט אויף איינס — אויף זייער שפּיל. און אָט זעט מען דאָס עשעמען־געסל מיט זיינע שאַרפע ריחות, וואָס דערמונטערן די נשמה, מיט זיינע ים־קאָלירענדע מאָזאַאיקען, דאָ זענען די געסלעך גערעקט מיט אַלטע שטיין־סופיטן, וועלכע זענען געבויט געוואָרן שוין פאַר הונדערטער יאָרן צוריק.

פונדאַנען זענען מיר געגאַנגען נאָך אין עטליכע קליינע קרומע געסלעך און מיר זענען אַרויסגעקומען אין דער אידישער שכונה פון אלט־ירושלים מיט אירע כולל הייזער, ווו סיי איך און אויך דער קאַפּיטאַן זענען מיר שוין פיל מאָל געגאַנגען און אלעס איז אונז געווען שוין היימיש פון פריער. דער קאַפּיטאַן האָט מיר זייער געדאַנקט פאַר ווייזן אים די אויסערלעכע מזרח'דיקע גאַסן־מערקווירדיגקייטן פון אלט ירושלים, און מיר האָבן זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג פּנים כותל מערבי.

---

## חסידישע מעשה'לאַך פון יום־כפור
### פון מאיר טויבענהויז

דער ייד

רבי מאיר'ל פרעמישלאַנער, האָט איינמאָל, ערב יום־כפור דערקלערט, פאַרוואָס ישראל ווערט אָנגערופן „יוד“: דער העבראַישער אות „יוד“ איז

דער קלענסטער אין אלף־בית. דאָס זעלבע דארף זיך דער „יוד", דער מענש האַלטן פאר אַ עניו, ווי עס זאָגט דער נביא עובדיה: „איך האָב דיך פאַר דעם קלענסטן פון די אומות געמאַכט". דאָס אידישע פאָלק, וואָס האָט באַקומען פון גאָט די תורה דארף זיך נישט גרוים האַלטן.

דער אות „יוד" האָט אַ קליין פינטעלע און ווען מען מעקט פון איהם עפּעס אָפּ בלייבט פון איהם בלויז אַ פלעק, — אזוי איז אויך מיט דעם אידן. ווען דער ייד קעהרט זיך אָפּ פון יודענטום, בלייבט פון איהם בלויז אַ פלעק.

## די פארגעבונג

ערב יום־כפור פארנאכט, ווען אַלע אידן האָבן זיך פערזאַמעלט אין בית־המדרש צו „כל נדרי", האָט מען זיך אַרומגעזעהן אַז עס פעהלט דער פרעמישלאנער רבי, ר' מאיר'ל. און דאָ די צייט לויפט און דער עולם איז געוואָרן אומרוהיג.

פלוצים, האָט זיך אויף דער שוועל פון בית המדרש באַוויזן דער רבי און האָט אויסגערופן: „איהר מיינט ווירקליך, אַז מאיר וועט אייך „כל נדרי" זאָגן? און ווען איהר שטעהט אַזוי ביז מאָרגן וועט אייך מאיר קיין „כל נדרי" נישט זאָגן!" — דאן זאָגט ער ווייטער צום עולם — „אונזערע חכמים האָבן געזאגט: „די זינד וואָס מען באגעהט קעגן גאָט ווערן אין יום־כפור פארגעבן, אָבער וואָס איינער זינדיגט קעגן אַנדערן איז יום־כפור נישט מכפר די דאָזיגע זינד, נאָר ביז איינער דעם אַנדערן איז מוחל אויף די זינד", דעריבער וויל מאיר נישט זאָגן „כל נדרי" ביז איינער דעם אַנדערן וועט מוחל זיין זייערע זינד".

דער גאַנצער קהל האָט הילכיג אויסגעשריען: „מיר בעטן מחילה איינער ביים אנדערן" — „מיר האָבן ביז איצט געזינדיקט, אָבער מיר ווילן גוט און עהרליך זיין אויף ווייטער!" —

ר' מאיר'ל איז דאן צוגעטראטן צום עמוד און ער האָט אַ הייסע תפילה אָפּגעגעבן פאר גאָט, ער זאָל מוחל זיין די זינד און ברענגען אַ געזונט יאָר.

## א ראש השנה מעשה'לע פון א תימנ'ער אלטן מחזור

### פון משה לוי נחום

(מוכתר פון די תימנ'ער אידן אין תל אביב)

אין אַ תימנ'ער ראש השנה'דיגן מחזור געפינען מיר אַזאַ מין מעשה'לע:

איינער האָט אַמאָל געהאט אַ שלעכט ווייב און ער איז אנטלאפן פון איהר. אויפן וְועג באַגעגענט איהם דער שטן און ער פרעגט איהם: וואוהין לויפסטו? ענטפערט ער איהם: פון מיין ווייב אנטלויף איך. זאָגט צו איהם דער שטן: אויך איך בין אנטלאָפן פון מיין ווייב, טא, לאָמיר געהן צוזאַמען. זענען זיי געגאַנגען ביז זיי זענען אנגעקומען אין אַ געוויסע מדינה, און דאן האָט זיך דער שטן געווענדעט צו זיין בעגלייטער און געזאָגט: קום, לאָמיר זיך אַריינ'גנב'ענען אין קעניגליכן פּאַלאַץ און איך וועל אַריינדרינגען אין דעם קערפער



פון קעניג'ס טאָכטער און וועל זי מזיק זיין, און בשעת מען וועט וועלן רופן דאָקטוירים, זאָלסטו זאָגן, אַז דו ביזט אַ גרויסער דאָקטאָר און פאַר אַ גרויסע סומע געלט קענסטו זי תיכף געזונט מאַכן, און אַז דו וועסט באַקומען דאָס געלט, וועל איך תיכף אַרויס פון איהר קערפער און דאַן וועלען מיר זיך ביידע טיילן מיט די געלט גלייך אויף גלייך . . . און אַזוי איז געשעהן: דער שטן האָט זיך באזעצט אין דעם קערפער פון דער בית מלך און ער האָט זי מזיק געווען און עס זענען געקומען דאָקטוירים און זיי האָבן איהר נישט געקענט היילן, און דאן האָט דער דאָזיגער מענש דערקלערט, אַז ער וועט איהר אויסהילן, און ער איז גרייט דערפאר מיט זיין קאָפּ צו גאַראַנטירן. דער מלך האָט מסכים געווען און מען האָט איהם אַריינגעפיהרט צום בעט פון דער קראַנקער, און דאן האָט ער זיך אין דער שטיל געווענדט צום שטן און געזאָגט: גיי אַרויס פון מלך'ס טאָכטער, ווייל אונזער וואונטש איז שוין דערפילט געוואָרן און מען האָט אונז אַ סך געלט געגעבן, רופט זיך אָן צו אים דער שטן: ניין, איך וועל נישט אַרויסגעהן . . . אַז עס אַריבער דער זמן פון דריי טעג וואָס מ'האָט איהם געגעבן, און די בת מלך איז נישט געזונט געוואָרן האָט ער גע־פועל'ט, מען זאָל איהם געבן נאָך דריי טעג און ער איז כסדר געשטאַנען און געבעטן זיך ביים שטן: געה אַרויס פון מלך'ס טאָכטער, אָבער דער שטן ענטפערט איהם: ניין, איך וועל נישט אַרויסגעהן. און ווען דער מענש האָט געזעהן, אַז ס'איז שלעכט און אַז ס'דראָהט איהם, מען זאָל איהם דעם קאָפּ אָפּשניידן, האָט ער פארגעלעגט דעם מלך, מען זאָל צונויפזאַמלען מאסן חילות און זיי זאָלן שרייען און בלאָזן מיט שופרות. און בעת דער שטן האָט געהערט די מורא'דיגע קולות, האָט ער געפרעגט: וואָס איז עס פאַר אַזאַ גרויס געשריי אין דער דאָזיגער מדינה? האָט איהם אויף דעם דער מענש געענטפערט: דאָס האָט דיין ווייב, פון וועלכער דו ביזט אַנטלאָפן, צונויפגענומען קעגן דיר די חילות פון דער גאַנצער מדינה און זיי האָבן באַשלאָסן דיך אומצוברענגען. ווען דער שטן האָט דאָס דערהערט, איז אויף איהם אַ גרויסער פחד אנגעפאלן און ער איז אַרויסגעשפרונגען דורכ'ן פענצטער און אנטלאָפן, און דעם מלך'ס טאָכטער איז געזונט געוואָרן . . .

---

## יחזקאל נח ערלעכמאן

### קיינער טוט דאס נישט

ר' שמעיה וואלדמאן, אַ ייד אין די פופציקער, אַ פעסטער איינגעפונדעוועטער נגיד, האָט זיך זיין סיט אויף די מזרח וואנד אין די קאַלטע שול, און לאָזט זיך שיין קאָסטן. ער וואָלט בכלל געקאָנט זיין גאַנץ צופרידן פון זיך און פון זיין שיינעם נאָמען, איז ער אָבער „געבענטשט" מיט אַ בן־יחידל, שמשון, אָדער ווי די מאמע רופט אים שמשלי וואָס דערגייט א־ם די יאָרן.

באלד אלס קינד האָט ער זיך געפוילט צו גיין אין חדר, און שפּעטער, ביי די גמרא מלמדים איז געווען נאָך ערגער. דער פאָטער האָט פארשטאַנען

אַז קיין גאון וועט ער שוין נישט זיין, און האָט אים דעריבער אַריינגענומען צו זיך אין זיינע געשעפטן. און ווען ער איז אונטערגעוואַקסן צו די צוואַנציק יאָר האָט ער אים חתונה געמאַכט און באַלד איינגעשפּאַנט אים אין אַן אייגן געשעפט, אַלץ מיט די כוונה, אַז זיין קאָפּ זאָל זיין פאַרנומען מיט געשעפט זאַכן, וועט ער דורך דעם פאַרגעסן זיינע יינגעלשע נאַרישקייטן.

אָבער דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די רעכטע צרות. ער האָט שוין באַקומען אַ פּאָר חברים, זיינס גלייכן, וואָס זיינען געווען מ׳ער אינטערעסירט אין קאָרטן שפּילן און פערד־געיעג ווי אין געשעפט זאַכן. און עס האָט אים אַ סך מאָל אויסגעפעלט „קליין געלד" וואָס דער פאָטער, אָדער די מוטער, אָן דעם ווייסן איינס פון אַנדערן האָבן אים געמוזט געבן דעם פאָטערס מוסר זאָגן און די מוטערס בעטן האָט גאָר נישט געהאָלפן.

איינמאָל קומט ער אַריין צום פאָטער, און זאָגט אים אַז ער מוז האָבן באַלד דריי הונדערט רובל. ער דערציילט אים אַז ער איז אַביסל פאַרפּלאָנטערט אין זיינע געשעפטן, און מיט די פּאָר הונדערט רובל, וועט ער זיך קאָנען אַרויסראַטעווען, ער זאָל נישט אין גאַנצן רואינירט ווערן.

דער פאָטער האָט אים גאַנץ קאַלט אויסגעהערט און אָפּגעענטפערט מיט אַ גאַנץ שאַרפן ניין! „איך האָב דיר שוין פיל מאָל געהאָלפן און האָב געהאָפט אַז דו וועסט זיך פאַרט אויסניכטערן און ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך, אָבער איך בין שוין יעצט איבערצייגט אַז עס איז מיט דיר גאָרנישט צו מאַכן. איך וועל דיר שוין גאָר נישט געבן".

דער זון האָט שוין פאַרשטאַנען לויט די פעסטקייט פון פאָטערס דרשה, און אויך פון דעם וואָס די מוטער האָט שטילערהייט צוגעשטימט, אַז ער וועט גאָר נישט אויספירן, און איידער ער איז אַרויס פון הויז, האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג אויסגערופן: „איך וועל מוזן טאָן, דאָס וואָס קיינער טוט נישט! נישט דווקא אַ ייד נאָר אַפילו אַ גוי טוט דאָס אויך נישט!" דאָס אָפּגעזאָגט, איז ער אַרויס פון הויז מיט אַ שטאַרקן טיר־קלאַפּ, אַז דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַ שטאַרקן שאָקל געטאָן.

ר׳ שמעיה איז געוואָרן דערציטערט, און די פרוי האָט גאָר ספּאַזמירט, געיאָמערט און געקלאָגט, ווער ווייסט וואָס ער גייט דאָ יעצט אָפּטאָן. „דערבאַרעם דיך שמעיה, זאָל זיין אַ כפּרה די דריי הונדערט רובל, מיר האָבן דאָך אַ כלה מיידל וואָס שטייט שוין אין שידוכים און ווער ווייסט וואָס פאַר אַ חרפּות און בושות ער וועט אונז אָפּטאָן. שיק אים צו דאָס געלד איידער עס ווערט צו שפּעט".

ר׳ שמעיה האָט איינגעזען אַז זיין פרוי איז כשר גערעכט. ער האָט אַרויסגענומען פון די קאַסע דריי הונדערט רובל, און זיי נאָך צוגעשיקט צום זון דורך דעם כלה מיידל, און איר אָנגעזאָגט זי זאָל גיין שנעל ווייל ער האָט שוין ריכטיק מורא געהאַט עס זאָל נאָר נישט זיין צו שפּעט.

קוים זיך דערוואַרט ביז דאָס מיידל איז צוריקגעקומען, זאָגן צו איר פאָטער און מוטער, האָסט אים כאָטש באַדאַרפט צו פרעגן וואָס ער וואָלט



דאָס אַזונס געטאָן „וואָס נישט אַ ייד און נישט אַ גוי טוט עס".

„יאָ!" זאָגט דאָס מיידל, „אַוודאי האָב איך אים געפרעגט. און ער האָט געזאָגט אַז ער וואָלט געלייגט תפילין ראש השנה"

## „אין יענע טעג"

„אין יענע טעג" (I HINE DAGE) אַ באַנד דערציילונגען און נאָוועלן פון פנחס וועלנער, דערשינען נאָוועמבער 1949 אינם פאַרלאַג טהאַנינג און אַפּעל, קאָפּענהאַגן, דענעמאַרק.

פנחס וועלנער איז אַ יידישער שניידער, וואָס איז אין 1913 אין עלטער פון 19 יאָר געקומען פון באַלוט אין לאָדזש קיין קאָפּענהאַגן, ווו ער האָט זיך שטיל און באַשיידן פאַרנומען מיט געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט. ער האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע יאָרן פאַרעפנטלעכט עטלעכע נאָוועלן און אויך עסייען אין פאַרשידענע היגע וואָכענטלעכע זשורנאַלן און ליטעראַרישע אויסגאַבעס, הויפּטזעכלעך אינם וויט־פאַרשפּרייטן בלאַט „סאָציאַל דעמאָקראַטן", ווו אַ באַרימטע דענישע מאַלערין האָט צוגעשיקט אילוסטראַציעס און צייכענונגען, צוגעפּאַסט צו די טעמעס פון פנחס וועלנערס דערציילונגען. מיט עטלעכע וואָכן צוריק, דעם 18־טן יולי, האָט פנחס וועלנער באַקומען דעם דענישן ליטעראַטור־פּרייז פאַרן יאָר 1950. באַרימטע ליטעראַטור־קריטיקער און רעצענזענטן, ווי פּער גודמודסען, יירגען אַנדערסען, קיי. י. מאַרקוססען האָבן מיט גרויס אַנערקענונג געלויבט דאָס ווערק און געזאָגט, אַז אי דער מחבר און אי זיין שאַפונג האָבן ערלעך פאַרדינט דעם פּרייז. דאָס בילד פון דעם אומבאַקאַנטן „יידישן שניידער פון פוילן" איז געווען פאַרעפנטלעכט אין אַלע גרויסע טאָג־צייטונגען און זשורנאַלן פון דענעמאַרק.

דאָס אויסטיילן פונם דענישן ליטעראַטור־פּרייז 1950 צו פנחס וועלנער באַווייזט, אַז דער מחבר פון „אין יענע טעג" איז אַ טאַלאַנט, און אַז די יידישע טעמעס פון די גרויליקע יאָרן פונם לעצטן יידישן חורבן אין אייראָפּע זיינען נישט געווען קיין שטערעניש צו דערגרייכן דעם דאָזיקן גרויסן כבוד. אפשר גאָר להיפּוך. די דאָזיקע טאַט, די צוטיילונג פונם פּרייז, איז אויך אַן אויסצייכנונג פאַר די דענישע עפנטלעכע מיינונג, פאַרן דענישן פאָלק און זיינע אינטעלעקטועלע און גייסטיקע וואָרטפירער. אַ קליין בראַוו און אַרבעטסזאַם פאָלק מיט אַן אַלטער הויכער קולטור האָט זיך נישט פאַרלוירן. עס האָט הויך געהאַלטן די פאַקעל פון מענטשלעכקייט און מענטשלעכער חשיבות אויך אין די יאָרן פון שגעון און קאַשמאַר, אין „יענע טעג".

ווי מיר האָבן געהערט, טראַגט זיך דער באַקאַנטער לאָנדאָנער דרוקעריי־פאַרלאַג, די ברידער נאַראָד, אַרום מיט דעם געדאַנק צו פאַרעפנטלעכן דאָס דאָזיקע ווערק אין ענגליש. דאָס ווערק איז אורשפּרינגלעך געשריבן אין יידיש און פונם מחבר אַליין געוואָרן איבערזעצט אין דעניש.

קאָפּענהאַגן, אויגוסט, 1950. א. פ.

דר. יעקב י. מייטליס

# ביים פרישן קבר

(צום טויט פון לעאָ פינקעלשטיין)

איינציקווייז רוקן זיי זיך אָפּ פון אונדז. די רייען ווערן שיטערער, די בלויזן אַנזעעוודיקער, גרעסער — און דערווייל זעט זיך נישט ווער עס זאָל ממלא זיין דעם חלל, אויספילן די לער־געבליבענע שטעלעס.

מיט יעדעם איינעם פון זיי, וואָס גייט אַוועק, פאַרשווינדט אַ שטיק פון דעם רעשטן־בנין, וואָס איז נאָך איבעריק געבליבן, ווי אַ מין זכר, נאָך דעם גרויסן חורבן פון דער פוילישער יידישקייט.

ווער זיינען זיי געווען די לעאָ פינקעלשטיינס, די שמחה פּיעטרושקאָס און אַ סך פון יענע, וואָס זיינען פון אונדז לעצטענס אַוועק, אַזוי פריצייטיק, אַזוי אומדערוואַרט? געהערן זיי דאָך אין דער לאַנגער קייט פון די גדולי התורה, מיט וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט אַזוי געשמט אין משך פון הונדערטער יאָרן. זיינען זיי דאָך די מאָדערנע תלמידי חכמים, די לומדים און שאַרפע קעפּ, די מפרשים פון דער היינטצייטיקער יידישקייט. אפשר זיינען זיי טאַקע שוין די אחרונים, וואָס דער ביטערער גורל האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט די אחריות׳דיקע אויפגאַבע אונטערצוטראָגן דעם סך־הכל פון יענע גרויסע, וואַגיקע ווערטן מיט וואָס עס האָט אַזוי ווייט און ברייט געשמט די פוילישע יידישקייט.

אין דער אמתן שטייען מיר היינט ביי דער חתימה פון אַ גרויסער תקופה אין דעם לעבן פון די מזרח־אייראָפּעישע יידישע קבוצים. דרייסיק דורות פויליש־יידישע שאַפערישקייט איז מיט אַמאָל געוואָרן פאַרשלאָסן. זיבן־אַכט הונדערט יאָר פון אַ הויכווערטיקער גייסטיקייט, וואָס האָט אויפגעדריקט איר שאַרפן חותם אויף דעם יידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט, איז מיט אַ מאָל געוואָרן איבערגעריסן. איז יעצט געקומען די צייט פון זאַמלען די ווערטן, פון אָפּהיטן די אוצרות, אַז זיי זאָלן נישט גייען לאיבוד און אַריינטראָגן אַ סיסטעם אין דער שאַפונג פון אַ דורות־לאַנגער קולטור. איז אפשר דער בראָך געקומען אַזוי פלוצים, אַזוי אומדערוואַרט, אַז דער היינטיקער דור איז ממש נישט צוגעגרייט צו אַזאַ גיגאַנטישער אויפגאַבע, נישט נאָר פון כינוס, נאָר אויך פון אינטערפּרעטאַציע און פאַרטייטשונג, וואָס פאַרלאַנגט אין תוך גענומען נישט נאָר פאָרשונג און לאַנגע צוגרייטונג, נאָר אויך דיסטאַנץ, סיי אין צייט און סיי אין רוים.

לעאָ פינקעלשטיין האָט דערפילט אָט דעם געוואַלטיקן בלויז און אין איינעם פון זיינע ביכער געפּרובט אונדז זיגרייך צו פאַרטייטשן דעם פענאָמען פון פוילישער יידישקייט אין איר פאַרשיידנאַרטיקע מאַניפעסטאַציעס. אין זיין „מגילת פוילן” האָט ער קינסטלעריש־עסייאיסטיש גענומען צייכענען פאַר אונדז אַן אינטים בילד פון דעם מהות פון פוילישער יידישקייט, איר וועלט־באַנעם און גאַנג אין דער געשיכטע. ער האָט געפּרובט אויף אַ גייסטרייכן



אופן צו געבן אַ פּירוש דער פוילישער חסידות, איר אייגנאַרטיקייט, אַרויסאַרבעטן דאָס ספּעציפישע און אַנטפּלעקן פאַר אונזערע אויגן איר אינעווייניקסטע שיינקייט. פינקעלשטיין האָט געהאַט אַ שאַרף אויג פאַר די באַזונדערקייטן און אייגנטימלעכקייטן פון פוילישן ייד, פאַר זיין נוסח, זיין דרך, זיין הלבשה, שפּראַך און לעבענס־פאָרמען.

אַליין אויסגעקנעטן פון דעם חומר פון פוילישער יידישקייט, פון איר פיינסטער עסענץ איז ער געבליבן מיט איר אָרגאַניש פאַרבונדן ביזן סוף. ער איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער ערודיציע, אַן אייראָפּעער און אַ ייד; אַ פילזייטיקער קענער פון דער וועלט־ליטעראַטור, אַ קריטיקער מיט אַ סך פאַרשטענדעניש און פאַרנעם און אַ הייסער באַאַענדיקער קעמפער פון יענע ווערטן, וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט אַרויסגעבראַכט. ווי ביי אַ ריי פון אונזערע בעסטע מענטשן פון היינטיקן דור, איז אויך ביי פינקעלשטיינען געקומען בולט צום אויסדרוק דער דראַנג צו אַ נייעם יידישן סינטעז, צו אַ זיווג פון נעכטן מיטן היינט.

לויט זיין מהות אַן עסטעט, אַן אינטעלעקטואַל, אַ מענטש מיט אַ טיפער אַלגעמיינער קולטור און מיט אַ רייך יידיש וויסן, וועט פינקעלשטיין פאַר אונדז פאַרבלייבן דער סימבאָל פון דעם נייעם טיפּ ייד, וואָס איז אויסגעוואַקסן און געפונען זיין שלמות אויף דעם פעטן מוטער־באָדן פון דער מזרח־אייראָפּעישער יידישקייט און וואָס האָט פאַר די לעצטע עטלעכע צענדליק יאָרן שטאָלץ געטראָגן די פאָן פון דער יידישער רענעסאַנס. חבל על דאבדין ולא משתכחין!

---

צום סוף וויל איך נאָך מזכיר זיין איינעם פון די באַשיידענע, קלוגע און צוריקגעהאַלטענע קולטורטוער, וואָס איז פון אונדז אַוועק די טעג אין לאָנדאָן ראובן מערקין. שטאַמענדיק פון אַ יידיש־נגידיש הויז (איינער פון די עטלעכע תלמידים פון חיים נחמן ביאַליק אין סאָסנאָוויצע) און אַ ברודער פון דעם באַקאַנטן און פרי־פאַרשטאָרבענעם ליטעראַטור־היסטאָריקער מאַקס עריק (זלמן מערקין), האָט ראובן מערקין גענומען אַן אַקטיוון אנטייל אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין משך פון דער לעצטער מלחמה האָט זיך מערקין אַריינגעוואָרפן בלב ונפש אין דער אַרבעט לטובת די פוילישע יידן און געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דעם ראַט פון פוילישע יידן אין ענגלאַנד. מיט אַ סך טאַקט און פאַרשטענדעניש האָט ער אָנגעפירט די אחריות פולע אַרבעט און מיט ווערדע פאַרטיידיקט דעם כבוד פון פוילישן ייד. ערע זיין אָנדענקען!

## דר. משה און לעאָן מערקין

מיר זענען מיט אייך אין אייער טיפער טרויער נאָך אייער ברודער ראובן ז״ל, א צניעותדיקער, ליכטיקער מענטש.

זאָלט איר געפינען טרייסטונג אין אייער אַרבעט

דר. יעקב י. און יהודית מייטליס,

א. נ. שטענצל.

י. א. ליסקי

## אן ענטפער צו מלך ראוויטש אויף א פריוואטן בריוו

—„מיך שרעקט זייער די אומאייניקייט צווישן די יידישע שרייבער. אומעטום די זעלבע זאך —“, שרייבט איר, ליבער ראוויטש, אין אייער בריוו פונם ים, פון דעם 19־טן יולי 1950.

איר דערפילט ערשט איצט די שרעק.

גייסטיק שוואכערע און ווייניקער אויפריכטיקע שרייבער וועלן די שרעק זיכער דערפילן אביסל שפעטער. איך האב די דאזיקע שרעק דערפילט נאך מיט יארן צוריק. אבער, ווי ביטער ס׳זאלן נישט זיין די שרעק פאר דער אומאייניקייט צווישן די יידישע שרייבער, שרעק, וואס קומען אויך אמאל אין א פראסטן וואכן־טאג, מיט א היימיש, לופטיק ווינטל, אפגעריסן פון דער יידישער גאס, און ווי אומאנגענעם ס׳זאל נישט זיין דאס בלאזן פון אזעלכע ווינטלעך, איז דאס אבער גארנישט צו פארגלייכן מיט די שרעק, וואס באפאלן איינעם, ווען ער דערזעט דעם אינערלעכן פראצעס, וואס האט אין אונזער ליטעראטור דערפירט צו אזא שרעקעוודיקן מצב, פון וועלכן איר ליידט, און ס׳ליידט יעדער ערלעכער, אויפריכטיקער שרייבער.

מ׳דארף נאר זען אזא יידיש־וועלטלעכן שרייבער אין זיינע אייגענע הענט, געבראכן איבערן טיש, דעם קאפ אראפגעלאזט, ווי ער זיצט ביים ווארשטאט און ארבעט אויף דעם קינסטלערישן אמת, און ארבעטן דארף ער לאנג, ווייל צר קען קיין רעכט ווארט נישט געפינען. איר זענט דאך א מענטש מיט הויכעטישע געפילן, ווייסט איר דאך ווי אזוי מען האט די ווערטער פאראומריינקט, פארשאכערט און פארשוועכט. מ׳קען מער מיט זיי קיין ליכט נישט מאכן... ס׳איז נישטא קיין מאראל, ס׳איז נישטא קיין עטיק, ס׳איז גארנישטא...

ס׳קומט אים ממש אן מיטן טויט אויסצופארמען דעם קינסטלערישן אמת, און מיט אים עפעס רעכטס צו באשאפן. גייסטיק באשאפענע קאליקעס האבן מיר גענוג. פון וואס זאל ער לעבן בשעת דער ארבעט? זעט אקארשט ווי ס׳זעט אויס די עקאנאמישע לאגע פון דעם יידישן שרייבער, (איך רעד נישט פון די הענט אין די צייטונגען, וואס פארדינען גוט און וועלכע זענען זער געטרייע הענט. אז מ׳בעדארף קענען זיי אנכאפן דעם שרייבער ביים גארגל. זעט אין וואס פאר א ראסקאש דער שרייבער לעבט. ער ציט זיין חיונה פון א בוך, וואס ער דרוקט און גייט עס אליין פארקויפן. וויפיל צרות שטייט ער זיך אויס ב׳יז ער דערלעבט שוין צו זען דאס בוך פארטיק. און אז דאס בוך איז שוין פארטיק, מוז ער דאך באצאלן דעם דרוקער... דער וועג אויף וועלכן ער לאזט זיך צום לייענער איז אויך נישט געבעט מיט קיין שמעקעדיקע רויזן. דער לייענער קויפט דאך נישט קיין בוך ביים בוך־הענדלער, ווייל דער בוך־הענדלער ביט עס אים אפילו נישט אן. דער לייענער איז, הייסט עס, שוין געוווינט צו קויפן א בוך ביים שרייבער אליין, אבער ער איז נישט אויסן דאס בוך, ער האט רחמנות אויף א יידישן שרייבער, אן ארימאן, וועלכער דארף נעבאך האבן און האט נישט.



וואס פאר א דערנידעריקונג!

ערשט זעט, וואס ס׳איז געווארן פון אונזערע ארבעטער אינסטיטוציעס, ביי וועלכע דער יידיש־וועלטלעכער שרייבער פלעגט זוכן א שטיקל אנשפאר. זיי האלטן־יעדן שרייבער פאר א יידישיסט, אדער פאר אן אנשיקעניש פון וועלכן זיי קענען נישט פטור ווערן. דער שרייבער איז זיי גאר א שטערגייסט אינם פראצעס פון אסימילאציע. אויך אונזערע ארבעטער אינסטיטוציעס אסימילירן זיך. נישט צו דער ישראל שפראך חלילה. זיי איז נישט קיין חלוק אויף וואס פאר א שפראך זיי פארוואלטן מיט די אנגעזאמלטע געלדער, וואס די מיטגלידער צאלן איין. דער קולטור־זשארגאן מיט וועלכן זייערע באאמטן־טוער באנוצן זיך אויף יידיש, דינט זיי בלויז ווי א מיטל צום ציל...

און, אז מ׳רעדט שוין וועגן א שפראך, ווי א מיטל צום ציל, קען מען דאך אוודאי אויך גארנישט האבן צו די מער פראגרעסיווע ארגאניזאציעס פאר וועלכע שפראך איז בלויז א מיטל, אבער וועלכע שרייען מיט די העכסטע קולות, אז נאר זיי, און זיי אליין, זענען די אמתע פאנען־טרעגער פון דער וועלטלעכער יידישער קולטור. דער וועלטלעכער יידישער שרייבער איז אבער נישט מער ווי א שאטן אין זייער מיט. אויף וועמען זיי ווי׳לן נישט און קענען זיך נישט פארלאזן, און טוען דערפאר די גייסטיקע ארבעט אליין, גוט צו שלעכט, דאס לאזן זיי איבער פאר דער געשיכטע צו אורטיילן.

זעט טאקע די געשיכטע, ווי אין אן עת־צרה, ווען ס׳בושעווען פאגראמען, ווען ס׳ברעכט אויס די פעסט פון פאשיזם און אנדערע אנשיקענישן, שלעק און אפקומענישן, און דער שרייבער דארף לאזן הערן זיין שטים, גראד דעמאלט ווייזט ער זיך ארויס הילפלאז און נישט אריענטירט און ער פארטרעט קיינעם נישט; דאס ווארט, וואס דארף געזאגט ווערן, זאגט נישט דער ארבעטער טוער, ער איז פוסל. נאר ס׳זאלן זיך אין אזא צייט הערן די פארשטייער פון די קהילות, וועלכע זענען ווי געוויינטלעך רעאקציאנער און פארשטייען נישט די צייט אין וועלכער זיי לעבן.

וואס פאר א ווערט האט א וועלטלעך יידישער שרייבער ביי זיי?

זייער אפט זוכט דער יידישער שרייבער אנצוהענגען זיין גורל אין אן איבערזעצער פון אן אנדערער שפראך, אבער אויך דארט פאלט ער אין זיין שאפונג א קרבן. נאר וועגן דעם, און וועגן נאך א סך אנדערע שרייבערישע צרות לוינט זיך צו רעדן באזונדער...

נו, פרעג איך איך, ארום וואס זאלן יידישע שרייבער זיין איניק? אדרבה, זאגט איר...

## א הארציקן מזל טוב

צו דער חתונה פון **יעקב שערמאן**, דעם באוווסטן חזן פון דער קאמערשל רוויד תלמוד תורה, און **דבורה**, ווינטשן מיר דעם פאר אז ס׳זאל זיין בשעה מצלחת.

„לשון און לעבן“.

## דער נייער סעזאָן אין טעאַטער גרענד־פּאַליי

יצחק קרעלמאַן, דער דירעקטאָר פון יידישן פאָלקס־טעאַטער גרענד־פּאַליי, הויבט אָן דעם נייעם סעזאָן 1950־51, **שבת**, דעם 23־טן **סעפּטעמבער** מיט אַ ניי אַנגאַזשירטע קינסטלער טרופּע און מיט נייע אויסלענדישע סטאַרס, ווי, די באַליבטע קינסטלערן זשעני לאַוויטש מיט איר פּאַרטנער — דער באַקאַנטער שוישפּילער און זינגער מיכל מיכאַלאָוויט, פון זיד אַמעריקע, און דער באַקאַנטער קאָמיקער שמואל שמיטאָוויטש, פון רומעניע. זשעני לאַוויטש מיט איר פּאַרטנער קומען מיט נייעם רעפּערטואַר ווי אָפּערעטן, קאָמעדיעז,

ס'איז צו האָפן אַז דער גרענד־פּאַליי טעאַטער וועט האָבן נישט קיין קלענערן ערפאָלג ווי דעם פאַריקן סעזאָן.

## אַלעקס טעאַטער יידיש טעאַטער

דעם 23־טן סעפּטעמבער ווערט דער אַלעקס טעאַטער ווידער אויסגעמאַכט אונטער דער פירונג פון דירעקטאָר האַררי דיובענס, וועלכער פירט אָן מיט אַ ריי ענגלישע טעאַטערן אין דער וועסט־ענד. צו דער דערעפענונג איז אַנגאַזשירט געוואָרן די אַמעריקאַנער געסט הענריעטא דזשייקאָבסאָן און דזשוליוס אַדלער. אויך שטייט מר. דיובענס אין פאַרבינדונג מיט די בעסטע כוחות וואָס מיר האָבן דאָ אין לאָנדאָן. דער הויפּט ציל פון מר. דיובענס איז אויסצובויען דעם זונטיק קלוב פאַר אַן אמתן קולטור קלוב, וועלכער זאָל אָפּהאַלטן פאַרטראָגן יעדן זונטיק. אויך באַמיט ער זיך אַריין צו ציען יונגוואַרג צו דעם קלוב פון וועלכע דאָס יידישע טעאַטער קאָן אפשר באַקומען פרישע כוחות פאַר זיך. עס וואָלט געווען נויטיק, אַז די מאַסגעבענדיקע קרייזן זאָלן אים אין דער זאַך אונטערשטיצן.

---

די פּאָר שורות טיילט אונז דער באַקאַנטער טעאַטער טוער און דראַמאַטורג, א. מייזלס מיט פון שפּיטאַל וווּ ער ליגט שוין כמעט אַ יאָר. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה, אַ גוט יאָר און גרויס דערפאָלג זיין נייעם אָנהויב.

### תקון טעות

צום אַרטיקל פון דר. מייטליס „שיבת ציון אַמאָל און היינט" אין אויגוסט נומער „לשון און לעבן", פון וועלכן דער צווייטער טייל קומט קומענדיקן חודש.

דער סוף פון אַרטיקל האָט עפּ״י טעות צוויי גלייכע שורות. די די פּערטע שורה פון אויבן דאַרף זיין: פאַרשווינדט דאָס העראָאישע, דאָס ניסימדיקע און פּלאַדיקע און עס באַווייזט זיך די גרויע טאָג־טעגלעכקייט...

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנאַרד־באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 אַ זייגער)

**שבת**, דעם 2־טן סעפּטעמבער: ימים נוראימדיקס.
**שבת** דעם 9־טן: פון די קלאַסיקער לכבוד ראש־השנה.
**שבת** דעם 16־טן: די סקאַרבאָווע ימים נוראים מעלאָדיעס.
**שבת** דעם 23־טן: געווידמעט משה עובד'ס 65־טן יובל יאָר.
**שבת** דעם 30־טן: שמחת תורה אין דער נייער יידישער פּאָעזיע.



---

**מאַקס קאַהען**, דער מחבר פונם בוך „די בייגל פּאַרקויפערין ביים דניעפּר", ווינטשט זיין משפּחה, קרובים און פריינט דאָ, מעבר לים, די „פריינט פון יידיש לשון" און „לשון און לעבן" אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**שמואל ווייטה** ווינשט זיין פאַמיליע פריינט, „פריינט פון יידיש לשון", דעם יידישן זשורנאַליסטן און שרייבער פּאַראַיין, אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**פּרץ אַקערמאַן**, ווינשט זיינע קינדער דאָ אין לאַנד, משפּחה און אַלע פריינט, חברים פון „פריינט פון יידיש לשון" און די רעדאַקציע פון „לשון און לעבן" אַ גוט און געזונט יאָר.

---

**מ. מינדל** ווינטשט אַלע חברים פריינט און באַקאַנטע, משפּחה און פאַמיליע אַ שנת חיים ושלום.

---

**רחל מירסקי** ווינטשט אַלע אירע פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ גוט יאָר.

---

**מרס. טאַבאַטשניק** ווינטשט די איסט לאָנדאָן ציוניסטישע פרויען פאַריין און אַלע מיטגלידער, משפּחה און פריינט דאָ, און אין ארץ ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**יעקב גילבערט**, פרוי און פאַמיליע ווינטשן זייער משפּחה, גוטע פריינט און באַקאַנטע אַ שנת חיים ושלום און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**מרס. א. ראָזענטאַל** ווינטשט די פרויען סעקציע פון גומער דריי בראַנטש פונם אַרבעטער רינג, משפּחה און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**מ. ביעטש**, זון און טאָכטער ווינטשן צום נייעם יאָר זייער משפּחה, קרובים און פריינט אַ גוט יאָר און אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

**די נאַראַד-פּרעס**, די ברידער **בר-כוכבא** און **כרמל** ווינטשן זייערע קרובים אין ענגלאַנד און ישראל, זייערע אַנגעשטעלטע און קליענטן אַ כתיבה וחתימה טובה.

---

### מזל טוב

צו דער חתונה פון **נעלי בליט**, די טאָכטער פונם בונדישן פירער אין לאָנדאָן, מיט **קלמן טונקל** ווינטשן מיר דעם יונגן פּאָר און דעם פאָטער אַ הארציקן מזל טוב.

„לשון און לעבן".

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 10 (העפט 129) — עלפטער יארגאנג — אָקטאָבער 1950 לאָנדאָן



רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


א לעצטע אחריות.............. ** 1
יידיש.................................. משה עובד 4
משה עובד (צייכענונג)............................ לעאָ קעניג 5
סך־הכלען און אויסבליקן.................דר. יעקב י. מייטליס 6
די שיינע שבעה (המשך פון ראָמאַן)...................לעאָ קעניג 10
סעפטעמבער לידער...........................א. נ. שטענצל 17
דער נצחון (פראַגמענט פון א דראַמע)...............מאָריס קאַץ 23
אביגדור המאירי..........................שלמה אויערבאַך 26
אברהם סוצקעווער (ליד)..........................י. ל. פיין 29
„אומלעגאַלע יידן שפּאַלטן ימים" (רעצענזיע).............י. ה. לעווי 30
אַן אוצר פון יידישן גייסט..........................אליהו פּאַלושאַק 37
עולים פון וויטן אַפגאַניסטאַן..............................ש. ערנסט 41
שלמה המלך איף זיין וואַנדער וועג (פאָלקלאָר)....יחזקאל נח ערלעכמאַן 42
קולטור, קונסט, טעאַטער און געזעלשאַפטלעכקייט (נאָטיצן)........ש. 44
לאָנדאָנער יידישע שרייבער (פאַטאָ)............................ 45
מוזיק (בילד) ....................... יצחק אמיתי 46
דעם בעל־שם־טוב׳ס טאָכטער (בילד)....................יאנקל אדלער 47
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאָכמיטאָגס........................ 48


**פרייז: 1 שילינג און 6 פּענים**


אבאָנעמענטס־פרייז:—19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאַנד:—5 דאָלאַר א יאָר

1/9 פאר א פּראָבע נומער



*By Appointment, Dealer in Antiques to H.M. Queen Mary*

**CAMEO CORNER**

**ALMANAC OF JEWELS**

exhibited monthly in the main window

*January* — *Renaissance Jewellery.*
*February* — *Boxes.*
*March* — *Sculpture by Mosheh Oved.*
*April* — *Curios.*
*May* — *Stuart Jewellery.*
*June* — *Children's Jewellery.*
*July* — *Cameos and Intaglios.*
*August* — *Georgian and Victorian Jewellery.*
*September* — *Antique Jewish Ornaments.*
*October* — *Oriental Jewellery.*
*November* — *Precious and semi-precious Stones.*
*December* — *Devotional Jewels and Christmas Presents.*

**26 MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1**

*Museum* 0401

CLOSED ALL DAY SATURDAYS

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*Manufacturers of*
*Knitted Goods and Sportswear*

**IMPORT - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**



*Published and Edited by* A. N. Stencl, 50, Philpot St., London, E.1

*Printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*